STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01073

LIDER

Esther Shumiatcher-Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible
by Carol & Michael G. Reiff
in honor of
Simon & Zoe Reiff

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר שומיאַטשער
הירשביין

לידער

ארויסגעגעבן פון
אסתר שומיאַטשער-הירשביין בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע
1956 — תשי״ז

ESTHER SHUMYATCHER-HIRSHBEIN

(LEEDER)

POETRY

Copyright 1956
By
Esther Shumyatcher-Hirshbein
5903 Graciosa Dr.
Los Angeles 28, Calif.

טאָוול און שער־בלאַט געצייכנט
פון
א י ל י אַ ש אָ ר

Printed in U. S. A.

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט פון
נ. פינקעלשטיין און ב. וועבער

Economy Typesetting Service
1150 South Figueroa Street
Los Angeles 15, Calif.
111



ל י ד ע ר

מ י י ן ב ע נ ק ע נ י ש

איך פאַרנעם אומעטום דיינע טריט,
איך צייל אין דיין בוך יעדן אות . . .
צי קאָן ווער באַנעמען — פאַרשטיין?
עס ברענט אויף מיין ליפּ אַ פאַרדראָס.
איך בין מיט מיין עלנט אַליין.

איך האַלט פאַר דיר אָפן די טיר,
קומסט, און ביסט אומעטום אַרום מיר,
איך פיל דיין יעדן אָטעם און ריר.
זיצסט אויבן־אָן, ביי דיין טיש, ווי געווען,
ווי שטענדיק, איך זיין קענגנדיר.
מיט אַ קינדערשן חן אין דיין בליק,
טוסטו, אָן ווערטער, וואָס בעטן ביי מיר . . .
איך שמייכל פאַרגאַפט דיר צוריק —
האָסט מיך מיט דיין ברכה דערקוויקט . . .

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ד אַ נ ק צ ו ם ק אָ מ י ט ע ט

מיין דאַנק און מיין ברכה צום קאָמיטעט און אַלע מיינע פריינט וואָס האָבן געהאָלפן דאָס אַרויסגעבן מיין בוך לידער.

אַ ניט־גרינגע אויפגאַבע אין אַ זייער שווערער צייט.

די אחריותפולע אַרבעט פונם קאָמיטעט איז געטאָן געוואָרן מיט ליבע און פריינטשאַפט.

מיט דער אייגענער ליבע און פריינטשאַפט דערמאָן איך דאָ די איבערגעגעבענע פריינט מיינע: שרה גאנז, אגא קאָוונער, מרדכי מייזל, ישראל פריינד, יוסף גאָלד־בערג, גאָלדע ארפין, יעטע גרעי, פערל פעדער, גאסי סארטא, א. באביטש, יוסף טיללים, יוסף האָפמאַן, מאַקס דייוויס, שרה און מ. פאָגאָרעלסקי, אניטא פריינטלעך־שעף, די גענעראַל־סעקרעטאַרשע פונם קאָמיטעט, וואָס האָט איר אומדערמידלעכע אַרבעט געטאָן מיט איבערגעבנקייט און ליבע.

די ערן־פאָרזיצירס: ה. לייוויק, חיים שאַפּיראָ, מענדל עלקין און ה. רויזענבלאַט ע״ה.

אליהו טענענהאָלץ, דעם פאָרזיצער, וואָס האָט זיין עשירות פון באַגייסטערונג צוגעטראָגן צום קאָמיטעט און אויך צו מיר, דורך דערמוטיקן מיך, אַז איך זאָל, נאָך אַזוי־פיל גרויזאַמע יאָרן פון מעלאַנכאָלישן שטילשוויגן, נעמען זיך ווידער צו מיין פען.

עריעל דוראנט — פאַר אונדזערע שמועסן מכוח דער מיסטעריע פון ליד, מענטש און וועלט — מיין טיפן דאַנק!

אסתר שומיאַטשער־הירשביין.

נאָוועמבער, 1956

אַ וואָרט פון ז. שניאור

די וואָס זיינען פאַרוואוינט אויף די ראַפינירטע קרוזשעווע־לידער פון סוצקעווערן, אויף די גרויסאַרטיקע חומש־אימיטאַציעס פון מאַנגערן, אויף די שפּילעוודיקע פערזן פון א. לוצקי, וועלכע זיינען דורכגעוועבט מיט הומאָר און געדאַנק, אויף די געטאָקטע, שטענדיק גוט־פאַרענדיקטע קורצע שורות פון מלכה לי און פון אַנדערע, וועלן ביים ערשטן איבערפלאַכלעכן לייענען פון אסתר שומיאטשערס מעלאַנכאָלישע וויזיעס און שטימונגען ניט געפינען דעם אינערלעכן פאַרבאַהאַלטענעם ריטם. נאָר מיט אַביסעלע געדולד, אַז מען לייענט זיך איין, געפינט מען עס.

די שאָלעכץ איז אָפטמאָל גרוי, די יאָדרע — זיס.

אסתר שומיאטשער האָט אַ סך האַרץ און ווייניק ווערטער. דאָס איז איר חסרון און איר מעלה. ווער־ווער, נאָר פרויען, לעזערינס, וועלן אין דעם בוך געפינען אַסך אָפּקלאַנגען צו זייערע איבערלעבונגען: טרויער און פרייד, ליבע און איבערגעבנקייט, מוטערלעכקייט, איינזאַמקייט און בענקשאַפט.

די נאַטור איז דאָ פאַרטראָטן אין אַסך געלונגענע בילדער און פאַרגליי־כונגען: דער זומער און דער ווינטער, דער האַרבסט און דער פרילינג, די גרינע ערד און די בלויע וואַסערן. מאַנכע־מאָל זיינען דאָס קליינע אנטדעקונגען אין דער נאַטור, וואָס פריער, דאַכט זיך, האָבן מיר זיי ניט געזען.

די בעסטע לידער זיינען די סעריעס: „מאַמע לשון", „דאָס גאָלד פון דיינע אויגן", „גורל".

אינם בוך געפינען מיר עקזאָטישע מאָטיוון, באַגעגענישן און רייזעס וואָס אסתר האָט געמאַכט כמעט אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

קיין זעאונג אויף דער גרינער ערד, אויף שטורמישע וואַסערן און רואיקן גלייכגילטיקן הימל זיינען ביי איר ניט געגאַנגען פאַרלאָרן.

ז. שניאור,

ניו יאָרק, סעפּט., 1956

מאַמע לשון

מיין יידיש וואָרט

טראָג מיך, יידיש וואָרט,
דורך דעם אייביקן וויימיק פון יידיש לעבן!
דער הימל — דיין געלעגער,
דער שיין פון די שטערן — דיין הויכער צעקאָפּענס.
מיט דיר מעסט איך די לענג פון דער ערד מיט געדולד.
מיט דיר לעש איך דעם דאָרשט פון מיין גומען.
אין דיינע אותיות — מישט זיך אונדזער גורל.
יידיש וואָרט!
פאַר אַלע יידישע טישן ביסטו דער ערדישער אָנשפּאַר.
פאַר אַלע יידישע בענקשאַפטן — אַלע פיר ווינטן.
יידיש וואָרט — דמיון און בטחון;
יידיש וואָרט — די פאַרלייכטערונג פון יידישע יאָכן.

אָט, שיט איך אייך אויס, מיינע אותיות!
אַן אות צו אַן אות טוט זיך דערנענטערן.
כאַף, שין, רייש: אין איינעם —
מיין יידישער כשר!
— „כשר יידיש האַרץ״ — פלעגט מיין באָבע מיך רופן.
אַ „כשר-טאַנץ״;
כשרע טרערן פון באָבעס, מאַמעס, טרערן פאַרגאָסן אויפן יידישן
צאינה-וראינה, יידיש-טייטש, עברי-טייטש!

דער אַלף טוט אַ לויף, בלייבט שטיין,
דער מם שטעלט זיך דערנעבן.
דער תו, דער סוף פון אַלע סופן,
מיט זיין פאַררימן פיסל שפּרינגט אונטער,
גלייכט זיך אויס — איך בין דאָ!

אַלף — דער אָנהייב פון אַלע אָנהייבן,
תו — דער סוף פון יעטוועדן אָנהייב! . . .

אַלף, מם, תו: אין איינעם מאַכט עס —
אמת!
אמת פון וואָרט,
אמת פון גלויבן,
אמת פון ליבע,
אמת פון טרויער,
אמת, א מ ת און אמת.

אזויפיל כוח אין אַזאַ קליין וואָרט — אמת!
אַזויפיל מסירת־נפש פאַר דעם עקשן, דעם אמת,
אַזויפיל קידוש־השם פאַר דריי ציטעריקע יידישע אותיות;
אַלף, מם, תו —
דער אמת פון ליידן;
דאָס ליידן פאַרן אמת.

דאָס דאַשיקל פונם קוף טוט זיך אַ נויג,
שטעלט זיך אַוועק אונטער אַ דעכעלע — איך בין דאָ!
אונטער אים מאַכט אַ האָפּקע זיין פיסל . . .
דאָס קליין יידעלע טוט באַשיידן אַ וואונק:

— „איך בין אויך אַ פּינטעלע אינם יידישן געזינד! . . .״
דער וואָוו, מיטן קעפּל פּאַררימן:
— „מאַכט אַ ווארע, איך בין דאָ!״
ער שטעלט זיך גאוהדיק צו לעבן יוד:
— „געזען אזעלכעס, אַזאַ קליין יידעלע זאָל האָבן אַזאַ ווערעכץ!״
דער שלאָסמעם, וואָס האָקט אָפּ אַלע שטופּעניש, קריגערייען,
שטעלט זיך פּירקאַנטיק אַנידער, ווי אַ ייד פאַרן מאַכן „המוציא״:
„איך בין דער יידישער יחסן אינם אַלף־בית,
אָן מיר וואָלט געווען אַ מהומה,
אָן מיר קאָן קיין קיום ניט זיין.
מ י ך מוז מען האָבן, כדי ׳קיום׳ זאָל האָבן אַ קיום!״

קוף, יוד, וואָוו, שלאָסמעם: אינאיינעם געלייענט
מאַכט — קיום!
קיום — בטחון פון אייביקן דאָזיין!
קיום — דאָס געקייטל פון דורות!
קיום — דער אייביקער פלאַם פון אָנהייבן און סופן.
קיום — דאָס יידישע האַרטע עקשנות פון האָפן.

טראָג מיך, יידיש וואָרט,
דורך דעם אייביקן ווייטיק פון יידישן לעבן!

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אוצר יידיש

איך בין זיך פאַר דיר מתוודה,
אוצר פון חכמה און לעבן;
איך האָב דיך געפונען אין אַ גביריש־יידישן קעלער,
פאַרשטויסן און נע־ונד.

אַזויפיל יידישע טירן
וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט עפענען פאַר דיר,
אוצר יידיש!
אַזויפיל יידישע שוועלן
וועלן שוין דיך ניט איבערנעמען,
ניט דערלאַנגען דיר אַ קוואַרט וואַסער,
זאָלסט אָפּשווענקען די הענט,
דיך פאַרבעטן צום טיש,
צו דערקוויקן דיין גומען,
צו מאַכן „המוציא לחם״ . . .

אין קעלערן,
אויף בוידימשטיבלעך,
אין בונקערס,
אין גריבער,
פאַרשימלט, פאַרלאָרן אין דחקות,
אפילו אין ברודיקע ערטער,
האָט מען געהאָדעוועט דיינע אותיות,
אוצר יידיש.

מיט ברוגזע פנימער, מיט כעס אויף די ליפּן,
מיט חדוה און מיט רוגזה,
האָט מען דיך געקאָוועט, געבויגן,
פּאַסן געפּליקט פון דיר ;
דאָס בלוי פון דער נאַכט,
און דאָס גאָלד פון דעם טאָג,
האָט מען אין דיין גוף אַריינגעוועבט.
מיט פּשטות און מיט חשיבות,
האָט מען דיך מיט אַ קלעמענדיק האַרץ
געשטופּט צום אויבן־אָן,
אוצר יידיש . . .

פון שטויב אַרויס האָט זיך דיין פּנים צעבליט,
מיט שעמעוודיקייט, מיט הכנעה,
מיט מיידלשע חנען,
מיט פאַרליבטקייט פון יידישע מאַמעס !
כאַטש געבייטשט און געשמיסן,
דאָך, גרייט אונטערצושטעלן די צווייטע באַק :
— „נו, נעמט, פּאַטשט,
פּאַטשט אייער מאַמען . . .״

אַ שטורעם פון געשרייען איבער דיין קאָפּ :
— „דו דינסטמויד,
דו, חצופה,
דו שפּאַרסט זיך מיט לעפּישע גראַמען
צום אָרון־קודש אַליין,
צום כסא־הכבוד ?״

און —
אַ פּלעם אין די באַקן,
אַ פליק אין די ריפּן:
— „אוועק, דו צערעפּעטע שפחה!״

האָסט זיך אויפגעהויבן
פון שווערע יסורים,
עניוותדיק,
מיט בלוט אויף די ליפּן,
מיט אַ שטענדיקן הונגער נאָך ברויט און נאָך וואַסער;
געשפּייזט זיך אויף ברעקלעך פון אַלערליי טישן . . .
אָ, יענע פאַרכישופטע פּריזבעס,
יענע יידישע שוועלן —
זיי בענקען, זיי בענקען;
זייער געדענקען —
ניט צום פאַרגעסן,
זייער געדעכעניש —
ניט צום פאַרשווענקען,
אוצר יידיש.

און אַט איז דיין ניגון:
אַן אות מיט הכנעה,
אַ ביסל פאַרריסן,
מיט עניוות געבויגן,
אַ ביסל געהויקערט,
אַ ביסל פאַרעלטערט,
פאַרעלטערט, פאַרשמעלטערט,

לידער

אַ וואָרט אַ צווייִדייטיקס,
פֿאַרהיקעט, איינגעהאַלטן,
אַ האַרצקלאַפּ-געקלעמער;
דיין ניגון — אַ געשוויטשער פֿון פֿייגל פֿאַרנאַכט,
דיין ניגון — אַ שרעק אויף פֿאַרטונקלטע שויבן,
דיין ניגון — אַ וואָרקען פֿון טויבן.
ווי אַ שוואַלב מיטן פֿרילינג אין שנאָבל;
אַ צופּ און אַ פּליק,
אַ פּעדימל-פּעדערל-פּליקער,
ער וועבט און ער פּלעכט און ער צווימשערט.

ער ווינטערט, דיין ניגון, אויף שנייאיקע פֿעלדער,
ער זומערט אין גראָז און אויף לאָנקעס,
ער האַרבסטיקט אין וואַלדיקע בלעטער,
אַזוי אייביקט דיין ניגון מיט דעם גורל פֿון דורות.

אוצר יידיש,
ביסט פּראָסט און ביסט זאַכלעך,
ביסט רוי-ערד און שפּראַכלעך,
ביסט שבת-פֿאַרנאַכטלעך;
ביסט פֿאָלקישע קדושה,
ביסט מאַמע-לשון-ירושה!

אַ גרויס זיידע מענדעלען

שימל, שרענק און ספרים אונטערן שלאָס,
בענק פאַרלאָזענע, אויף טישן זיצט דער שטויב.
איך שטיי דאָ שעה נאָך שעה, און פרעג אפילו ניט פאַרוואָס,
איך בין, ווי אין פּלי, אַ פאַרוואונדעטע טויב.

שטויב, שרענק און ביכער — אונטערן שלאָס,
שוין לאַנג, שוין לאַנג ווי אָנגערירט האָט זיי אַ האַנט.
און ווי ערד פאַרלאָזן, און ווי פאַרגעסן גראָז
בין איך דאָ אויך אַ שאָטן אויף דער וואַנט.

אויף די ווענט געשטאַלטן אַלערליי,
אויגן — יונגער פייער פון נצחון.
איך שטיי אַ צוגעזאָגלטע צום דיל קעגן זיי,
ווי איך וואָלט מיר מיט עפּעס פאַרבראָכן.

איך האָב אויך דאָ צוגעלייגט אַ האַנט,
און עס האָט געזונגען יעדער ריר מיט בראשית,
ווי גאָט אַליין וואָלט פייערלעך געשפּאַנט
מקבל פּנים זיין די יידישע אותיות.

און איצט ? וואָס זאָל איך איצטער זאָגן,
ווען ערד און הימל זיינען אונטערן שלאָס ?
זיי שטאַרק, מיין האַרץ, צו קאָנען די פאַרשעמונג טראָגן,
די פאַרשעמונג פאַרן יידישן אות.

אַנטקעגן, קרומלעך, ווי אַראָפּצופּאַלן באַלד,
דער קאָפּ מיט חשיבות, אַ פֿאַרשפּיצטער חכם,
הענגט מ ע נ ד ע ל ע ס געשטאַלט —
און אַרום אים — אַזאַ יונגע משפּחה.

— שלום עליכם דיר, זיידע מענדעלע, דאָ אין קאַנאַדע!
פֿון גנילאָפּיאַטקע דיך מטריח געווען ביז אַהער . . .
דו שמייכלסט, דו חוזקסט פֿון מיר אודאי,
צי ווילסטו ניט אָפּווישן פֿון אויג מיר די טרער?

זיידעניו, זע ווי דיין „קליאַטשע" לעבט דאָ!
אַ יוסטע קליאַטשע, אויף אַ מאָגערן גראָז —
דאָ גילט נישט, זיידע, לערנען תורה לשמה,
געפֿאַנגען דיין „פּישקע" איז אונטערן שלאָס.

געפֿאַנגען דיין פּישקעלע אונטערן שלאָס,
איך דאַרף דאָך שוין לויפֿן כדי אים באַפֿרייען.
וואָס שטיי איך צעפּייניקט דאָ פֿון פֿאַרדראָס,
און אָן אַ שוץ פֿון אַ שטיקל כלי־זין?

און אָט איז געשען דאָ אַ גרויסער וואונדער:
דער שראַנק צעעפֿנט זיינע טירן אַליין,
און פֿון די ביכער־טאָוולען קומט אַרונטער
„פּישקע דער קרומער" און בלייבט פֿאַר מיר שטיין.

ער טוט אַ שפּרונג אויף זיין קרומען פֿוס,
טוט אַ הוידע מיט זיין געהויקערטן רוקן,
ווי ער וואָלט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן אין רשות
פֿון אַ בייזער חיה, זי זאָל אים פֿאַרצוקן.

— וואָס איז, פּישקעלע, וואָס איז די מהומה?
וואָס וואַרפסטו אַזוי מיט דיין מאַטן גוף?
צי פאַרנעמט נישט דיין לייב דיין קרומער
פון דעם אינדערפרי דעם בלויען רוף?

צעלאַכט זיך פּישקע, ער וויל מיך ניט הערן,
ער האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער גאָר.
— אוי, פּישקע, פּישקע, וואָס ועט פון דיר ווערן,
ביי דיין בלינדער ווייב און געלן שוואַרץ יאָר! -

מיט ווייטיק צעקרימט זיך פּישקעס פּנים,
און עס שטעלן זיך דיבאָם זיינע שיטערע האָר;
איך קאָן אפילו ניט דערקאָנען
דעם באַרימטן „פּישקען" פונם ייִדנס דור!

מיט פיבערדיקע הענט טאַפּט פּישקע יעדן רוקן
פון די פאַרלאָזענע ביכער הינטערן גלאָז.
די געשטאַלטן פון וואַנט, פאַרגאַפטע, קוקן,
ווי פּישקע איז שוין ווידער אונטערן שלאָס.

און אָט ווערט אויפגעראַמטער, העלער,
די געשטאַלטן שמייכלען אַראָפּ פון די ווענט;
עס לויכט אויף און שמייכלט דער גאַנצער קעלער,
ווי די שכינה אַליין וואָלט זיי דאָ דערקענט.

ב אַ ו ו י י ז אַ נ ס

מיינע אויסגעוויטיקטע ווערטער,
שטילע, פאַרדאַגהטע רייד;
פאַרנעם, מיין זיסער באַשערטער,
מיין טיפע געפּונענע פרייד.

פּראָסט זיינען די ברעטער
פון מיין פּשוטן טיש;
טאָ נעם, מיינע דורכגעליטענע ווערטער,
וואָס קלעטערן צו גאָט פון דער טיפעניש.

איך פּיבער איבער יעטוועדן אות,
איך פּרואוו זיין געשטים, זיין געליטער;
איך שלים אויף זיין פאַרכישופטן שלאָס,
און שמיד זיין גאָלדענעם וויטער.

איך שפּין דיך און פלעכט דיך צוזאַמען,
מיט אַ נייעם געפּיבער צו ברענען;
מיט זאָרג פון אַ פאַרדאַגהטער מאַמען,
טו איך דיך ווידער דערקענען.

כ׳שטויב אָפּ דעם אַש און דעם פּאַרעך,
כ׳צעגלי דיך אין פייער פון טראַכטן;
אַ שעפּטשען, אַ פלאַטערן, אַ שאָרעך —
אויף פליגל פונם וואָרט אויסגעדאַכטן . . .

אַ, וואָרט מיינס, געדענק מיך, פאַרהיימישט,
פאַראייגנט, די פרעמדקייט וויש אָפּ, ניט פאַרגעם;
אין גלי פון דיין פייער דערהייב מיך —
באַוויז זיך אינם פלאַם פון אַ נס.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ליד מיינס

ליד מיינס,
ביסט מיין גרין גראָז, מיין יונגער רעגן,
ביסט פון היינט און פון מאָרגן דאָס אייביקע פרעגן.

ליד מיינס,
ביסט מיין אָפּגעקאָסעט פעלד, מיין אייביקע אומרו,
דער סנה פון מדבר, מיט אַ בענקען נאָך פייער ביסטו.

ליד מיינס,
ביסט אות־צו־אות, ווי לייב־צו־לייב, פאַרבאָרגן
צווישן פרילינג־בלעטער, מיט בלויען טוי אין פרימאָרגן.

ליד מיינס,
דו ביסט מיין שטורעם פון באַגערן,
דו ביסט דער תענוג פון נישט־ווערן.

ליד מיינס,
ביסט מיין טאָג בשעת ער גיט זיך איבער דער נאַכט,
ביסט דער ווידערקול פון דעם וואָס איך טראַכט.

ליד מיינס,
ביסט מיין הארבסטיקע ערד אונטער בלעטער פון גאָלד,
ווי אַ וואָלקן, נאָך אַ רעגן־שטורעם, צעשטערטער —
ביסט מיין גורל, מיין אומבאַקאַנטער באַשערטער.

ליד מיינס,
נעם מיין טרער, מיין מרה־שחורה,
צעגלי עס אין אַ ניגון —
דעם טרויער פון מיין הארצן צו פאַרוויגן.

מיין שאָטן און איך

— וואָס טוסטו, אסתר,
ביסט מיד, ווי?
נו, פויל זיך נאָר נישט,
נעם און פאַרצייכן;
ס'קאָן אַמאָל אַרויסקומען אַ גאַנץ שיין ליד,
און לייענער וועלן זיך קוויקן דערמיט.

— וואו איז מיין הימל איבערן קאָפּ,
וואו איז מיין ערד אונטער די פיס?

— און חיים-בן-פּלעקל האָט דען יאָ אַן ערד?
ביסט נישט ערגער און נישט בעסער . . .
אסתר'ל, נו,
טו זיך אַ ריר!
כ'שטיי שוין לאַנג הינטער דיין טיר,
כ'קלאַפּ און קלאַפּ,
און דו גאָר — פאַרנומען מיט כאַפּ-און-לאַפּ . . .

— וואָס ווילסטו פון מיר,
נישטאָ איז קיין פרייד ביי מיין טיר . . .

— כ׳זאָג דיר, כ׳האָב אַ גליקלעכע שורה ;
אין איין שורה קאָן אַמאָל זיין אַן ערד אַ צעבליטע,
אַ פליין פול מיט טוי,
און אַמאָל אין אַ שמיטה,
אַ הימל פול בלוי . . .

— פון שטענדיקן ליידן צו שפינען אַ ליד
איז מיין האַרץ שוין פאַרמאַטערט און מיד . . .

— מיד־שמיד, — זאָלסטו מיר געזונט זיין,
שטרעק אוים דיין האַנט,
נעם די פען,
אַ שטיקל פאַפיר —
כ׳וואַרט אויף דיר !

— מיך ציט צו דער ערד צוריק,
כ׳וויל פאַרזוכן פון שטאַרבן ס׳גליק . . .

— זיי מוחל :
די ערד איז נאָך אַלץ פאַרפוצט ווי אַ כלה,
און ס׳איז פאַראַן טרויער און גליק פאַר אַלע !

— באמת, עס איז מיר אויף דיר אַ חידוש ;
ווער דאַרף היינט אַ ליד אויף יידיש . . .

— אָ, שוטה, אַ האַרץ ווערט שטענדיק באַרוישט פון אַ ליד,
און חוץ דעם — אַזוי רעדט ניט אַ ייד !
נעם אַן־אות־מיט־אַן־אות און הייב שוין אָן שפינען,
קוק : — געטריי,
גראַמט זיך מיט כדאי . . .

— פֿאַרשטומט איז מיין ניגון,
מיין האַרבסט טוט מיך איצטער פֿאַרוויגן . . .

— ע ! אסתר,
זיי געטריי און געדולדיק,
קענסט אַלץ געווינען —
דיין יאוש אָבער,
האָט נישט קיין זינען !

— אדרבה, ווילֹ איך דיך פרעגן :
פון וועמענס־וועגן ?

— ס׳הייסט פון וועמענס־וועגן ?
פונדיינעטוועגן,
פונמיינעטוועגן,
פון כּל־ישׂראל׳ס וועגן !

דאָס גאָלד פון דיינע אויגן

חלום פרייד

אַ וואכע ליג איך אין דיין שאָטן,
איך וואַרט אויף דער געגארטער שעה:
צי וועסטו אָנקלאפּן? צי וועסטו קומען?
עס ברענט דער לאָמפּ,
די טיר איז אָפן...

מיין טיש, ווי תמיד, איז געגרייט,
איך וואַרט מיט האַרץ־געקלאַפּ, ווי שטענדיק,
איך גיי אנטקעגן דיר מיט מיין אַלדאָס גוטס;
אין מיין שלאָף,
אין א חלום,
טויכסטו אויף;
אן אויפגעלויכטענעם זע איך דיך שפּאַנען...
זיבן וועלטן גייען דיר נאָך,
אויף אלע ערדן,
איבער אלע ים'ען.

נו, קום און זעץ דיך ביי מיין זייט.
הערסטו ס'קלאַפּן פון מיין הארץ,
צי זעסטו מיינע טרערן;
אָט האָב איך אָנגעטאָן מיין שענסטע קלייד,
נו, נעם מיך ביי דער האַנט —
פיר מיך צו מיין געגאַרטער פרייד...

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

י צ י ר ה

דאָס ביסטו, דאָס ביסטו, דאָס ביסטו —
אויף די טרעפּ פון מיין האַרצן געלאָפן!
עס האָט דער הימל מיט טוי היינט געטריפט,
און די שטערן האָבן געשפּילט מיט מיין האָפן.

איך טו זיך פאַרוויקלען אין דיר,
איך וואוין אין דער גבורה פון דיין ליבע!
איך האָב די ערד געטאָן אַ גלעט,
די זון אַ באַריר,
און געטרונקען קראַפט פון יצירה.

אומעטום ביסטו דאָ, אומעטום,
ווען איך נעם דיך אַרום, —
ווערסטו דער אָטעם פון מיין ערד,
און פון ז י י ן און נ י ט - ז י י ן די סיבה —
אָ, מיין טרייסט, מיין געפונענע ליבע!

מיין טייערער

ליב מיך, מיין טייערער, ווי דאָס פעלד דעם רעגן,
ליב מיך, ווי דער הימל די שטערן ;
ליב מיך מיט דער פרייד פון אַ צעבליטער ערד,
ליב מיך מיט דער ליבע פון ניט-זוערן . . .

די אָונט-שטילקייט זינגט אונטער מיינע טריט,
די נאַכט לייגט זיך גרינג אויף מיינע ברעמען ;
די הערנערלעך פון דער יונגער לבנה זינגען-מיט,
דער אָונט-פויגל רופט אונדז ביי די נעמען . . .

די אויגן דיינע צינדן זיך מיט פייערן פון פיבער,
דיין האַרץ קלאַפּט מיטן ריטם פון דער וועלט.
איך טרינק דאָס גאָלד פון דיינע אויגן, ליבער,
אין דיין שאָטן לויכט מיין גליק צעהעלט . . .

מיין שיינער חלום

די נאַכט שלאָפט אויף אַ שאָטנס-קישן,
און איך לייג מיין קאָפּ אויף אַ שטיין —
זאָל דיר, מיין האַרץ, ניט פאַרדריסן,
דער חלום געווען איז דאָך שיין . . .

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ פאַרקלערטער,
די ערד צעיורט און צעבליט —
און ער, מיין געליבטער, באַשערטער,
איז געקומען צו מיר מיט הייסע־טריט.

ער איז געקומען צו מיר אַ פאַרבענקטער,
מיט טוי און מיט ווינט אויף זיין קאָפּ.
מיט זיין פייער, ווי, פון גאָט אַ געשענקטער,
לאָזט די נאַכט איבער אונדז זיך אַראָפּ.

זיין אָטעם — ערדישע גבורה,
זיין לייב — וואַלדיקער מאָך;
אַ קוואַלנדיק וואַסער זיין שעפּטשען,
זיין קוש — אייביקער תוך.

ווידער איז די זון אויפגעגאַנגען,
און געברענט מיט טויזנטער ליכט;
האָט אין גליק די ערד געפאַנגען,
און אָפּגעשיינט אין יעדנס געזיכט.

זיין אָנדענק טוט די אויגן מיר שליסן,
געווען איז מיין גליק אַזוי קליין —
זאָל דיר, מיין האַרץ, ניט פאַרדריסן,
דער חלום געווען איז דאָך שיין . . .

א י ך ז ו ך ד י ך

איך זוך דיך אין זאַמד,
אין וואָלקנס, אין גראָז.
פון ערד בליט דיין פּנים,
מיט דעם בלוי פון׳ם בעז,
צו דערקוויקן מיין אויג.
און רחמימ׳דיק לויכטן די הימלען,
צו מאַכן האַסטיקער שלאָגן
מיט אומרו מיין האַרץ.

ממעמקים קראתיך —
פון די טיפענישן רוף איך צו דיר.
איך וואַרט אויף אַן ענטפער,
אַ צוזאָג, אַ צייכן.
פאר דיין כוח שטיי איך געבויגן
אָנגעטרונקען מיט טרויער —
וואו איז דאָס ליכט,
דאָס גאָלד פון דיינע אויגן?

עס גוססט דער טאָג,
און מיט יעדן פאַרגייענדיקן ציטער,
גייט אויף מיין בענקשאַפט צו דיר.
מיט ברענענדיקער שריפט
איז מיין דמיון געצייכנט —
בטחון, מיין ליבסטער,
בטחון.

צום באַרג וואָס אַנטקעגן ציט מיך מיין שאָטן.
ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן,
אָן קול וויינט מיין טרויער.
אַ שטערן שפּילט מיט אַ גרינלעכן פייער,
צעוויגט זיך אין פלאַמען...

— מיין טייערע,
זוך מיך אין וואַסער און פייער
און אין טרער פון דיין ליבע.

ל י ד ע !

י ה י א ו ר !

אַן אות. אַ וואָרט. אַ מחשבה. אַ שורה.
אימהדיק קלאַפּט אין מיין האַרצן אַ בשורה.

אָ, שגעון
מיין צעפּייניקטער שגעון!
ווער קאָן דיך באַצווינגען,
ווער קאָן דיר געטרויען?
אין ליבע, זאָגסטו, איז דאָ געטלעכע גבורה?

איך לייען דיינע אויגן,
מיין ליבער.
אַ פייערליכע מגילה דיין פּנים,
אַ נייער בראשית
אין אָנהייב פון זאַכן.
נו, דערנענטער זיך,
טו נישט די אויגן פאַרמאַכן;
באַריר מיך,
צענעם מיין פאַרוואָלקענטן הימעל.
זאָג:
יהי אור!
בלי אויף,
גיי אויף,
ווי אַ גראָז אונטערן רעגן,
צעלאָז דיינע דרימלענדיקע זאַפטן,
ווי אַ קנאָספּ זיינע בלעטער:
זע, איך גיי,
איך קום דיר אַנטקעגן,
פון דיין נייעם בראשית באַרוישט;
שיין איז דיין פּנים און אָפן!
לייג דיינע הענט אויף מיינע אויגן,
מיט שווייגן,
מיט נייעם בטחון.
ביסט אייביקע נייקייט,
נ צ ח ו ן
און אייביקע טרייקייט.
דיין רוף —
דער יונגער שמייכל פון שרון.
דיין שירה —
דער הייליקער פונק פון יצירה.

גאָלדענע שיכעלעך צוויי

די ליבע איז אַוועק שפּאַצירן,
אין גאָלדענע שיכעלעך צוויי...
— דער ווינט זאָל זיי חלילה ניט פאַרפירן,
מיט זיין וואוילינגערישן געשריי!

די נאַכט, ווי אַ שאָטנדיקע קישן,
צעקאָפּנס די לבנה בליט —
זאָל דיר, מיין לעבן, ניט פאַרדריסן
דאָס בלאָנדזשען פון מיינע טריט.

— וואוהין איז די ליבע געגאַנגען
שפּאַצירן אין שיכעלעך צוויי?
— נעכטיקן אויף גאָלד-בלאָנדע זאַנגען,
זיך באָדן אין פרימאָרגן-שפּריי.

דער גאָרטן האָט ווי תמיד געשעפּטשעט,
דער טוי האָט געשפּילט מיטן גראָז,
די ליבע איז, ווי תמיד, פאַרפלויגן
פון אַ לייכטן ווינטל-בלאָז...

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

מיין געליבטער!

אין דיין שאָטן בין איך שענער און גרעסער און שטאַרקער,
מיין געליבטער!

שמעקסט מיט בשמים־בלעטער, מיט גראָז, מיט נאַכט־טוי און מיט ערד,
מיין געליבטער!

דער הימל הערט זיך איין ווי די שטערן סוד'ען זיך, ווינקען,
ווי מיין האַרץ רוישט מיט אומרו, מיט גליק און מיט ערדישער ליבע,
מיין געליבטער!

דו ביסט צו מיר געקומען דורכגעברענט פון זון.
אַ דורכגעווינטיקטער פון שטורעם —
מיך אויפגעהויבן פון מיין אַליין,
ווי מען הויבט אויף אַ זשמעניע ערד;
מיך געלערנט, אַז די קלוגשאַפט פון לייב
איז אַזוי שיין ווי די קלוגשאַפט פון גייסט,
און אפשר נאָך מערער,
מיין געליבטער!

ווי טוי אין נאַכט, ווי שפריי־רעגן אויף גראָז,
פינקלט דיין יונגשאַפט, דיין אומגעצוימט פייער;
דיין ברומען פון ליבשאַפט, דיין געשריי פון גליק,
מיין געליבטער!

ב י י אַ ג ל ע ז ל ט י י

ביסט געזעסן מיט פשוט'ע יידן און געטרונקען טיי.
דער הימל האָט געטריפט מיט שטערן,
מיט איינגעהאַלטענעם בלוי
און מיט ווילדן באַגער — — —
טייערער מיינער,
כ'קאָן שווערן,
דאָס וועט זיך קיינמאָל ניט איבער'חזר'ן מער...

דער ווינט האָט מיט נאַכטיקער בענקשאַפט
געבלעטערט די ביימער אין גאָרטן,
און ווי אַ שומר וואָלט געוואַכט
איבער מיין לעבן און איבער דיינעם —
און איצטער?
וואָס מער זיך דערנעענטערט, אַלץ ווייטער צעשיידט.

ווער קלאַפּט אין מיין פאַרוואָלקנטן הימל,
ווער שטורעמט?
גאָט האָט, פאַרעקשנט,
מיין גורל אין טרערן געפורעמט.

האָסט דערזיפט דיין גלעזעלע טיי,
גערעדט דברי חול;
אונטערגעצייכנט דעם סך־הכל פון אונדזער גן־עדן,
און דערטרונקען פון בלוט דאָס געשריי . . .

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

עס איז כדאי

כל־זמן עס בליט דער טרוים —
איז אַלץ כדאי:
דאָס ציטערן פון האַרצן,
דאָס רוישן פונם בלוט,
דער יאוש און דער צער,
פון אויג די טרער,
פון לייב דער אויפגעשטורעמטער באַגער.

געדענקסט אונדזערע „דריי לבנות״ איבערן בריק?
דיינע פאַרשייטע רייד?
דער הייסער פלאַפּל אין דיין פרייד? — — — —
נעם, פאַרזיי עס ווידער אין פעטער ערד,
און זאָלן די וואָרצלען שלאָגן טיף,
עס זאָל אונדזער גליק
זיך צעבליען אויפסניי —

עס איז כדאי!

ד אָ ס ג אָ ל ד פ ו ן ד יי נ ע א וי ג ן

איך בין מיד און שפּעט איז די שעה,
איך זיץ אַליין אין האַלבנאַכט ;
איך זוך דיך מיט די אויגן, ביסט נישטאָ.
איך זוך דיך, נאָר דו ביסט נישטאָ.

אוי, קוק נישט, מיין גורל, אויף מיר,
דיין וואַנזין פאַרטראָג איך נישט מער ;
איך זיץ ביי מיין אָפענער טיר
מיט מיין איינזאַמקייט, מיט מיין טרער.

דו ברענסט, ווי אַ וואונד, אין מיין טראַכטן,
עס טוט ווי דער טאָג וואָס פאַרגייט ;
פּוסט זיינען די שענסטע פאַרנאַכטן,
עס טוט ווי וואָס מיר זיינען צעשיידט.

טאָג-און-נאַכט האָבן זיך אָנגעוואָרן,
מיין היינט און מיין מאָרגן — אָן דיר ;
עס פלאַטערט ווי אַ פאָן אין זכרון,
דיין גאָלדענער בליק איבער מיר.

ג ו ר ל

מיין בעסטער פריינט

טרויער,
מיין בעסטער פריינט.
ביסט געקומען פּאַרוועבן, פּאַרלאַטען, פּאַרצערעוועט
מיין פּאַרלאָרענעם היינט.

אָטעם איך —
אָטעמסטו־מיט, מיט אַזויפיל באַדויערן.
שלאָף איך —
לייגסטו דיין קאָפּ אויף מיין קישן.
דעקסטו מיך צו מיט אַ טוך פון בטחון.

בין איך וואַך —
זיצסטו אַנטקעגן מיט אַזאַ פּאַרטרויעלעכן שמייכל,
נעמסט מיך אַרום,
קושסט אוים די פּאַרלאָרנקייט פון מיינע באַקן.
טרויער, מיין פריינט,
מיינסט אויף אַן אמת —
די אונטערשטע וועלט און די אויבערשטע
האָב איך פּאַרשפּעטיקט? . . .

אַז איך עס מיין ברויט און טרינק מיין וואַסער —
ציילסטו יעדן שלונג מיט באַדויערן.
ביסט אַזאַ ליבלעכער פריינט,
מיין טרויער.

אין אַ רגע פון מענטשלעכער שוואַכקייט
באַפאַלן זיי מיך, ווי אַ שטורעם, די טרערן —
קומסטו, מיט דיין אויסגעבאָדענער ריינקייט,
מיך טרייסטן,
אָן פאַרוואורף, אָן פרעגן,
נעמסטו מיך אַרום, ווי די זון אונדזער ערד, נאָך אַ רעגן.

ווער איך געשטרויכלט,
טוט זיך מיין לעבן אַ וואַקל —
פאַרלויפסטו דעם וועג מיר פאַרויס
און, שעפּטשעסט:
ס'איז נאָך ניט דער לעצטער סך־הכל . . .

טרויער, מיין פריינט,
מיר איז גוט מיט דיר און פאַרטרוילעך!
צומאָל פּוישט אין מיר אויף אַ לאַכן,
ווען פינסטער,
און האָפענונגסלאָז איז דיין הילוך . . .

— שריי ניט,
נישט ליאַרעם,
נישט מאָן!
דאָס טעלערל פון הימל איז פוסטע איינרעדעניש.
קום אַהער, קוק אַריין,
לייען די מענטשלעכע מגילה:
עס האַלט שוין די זון ביים פאַרגיין,
עס איז די שעה פון נעילה . . .

דער זייגער שטייט

דער זייגער שטייט !
די זון איז אונטערגעגאַנגען,
שאַרף און טרויעריק איר שיין.
מיין ווייטיק האָט זיך צעשפּילט און מיך געפאַנגען.

דער זייגער שטייט . . .
די זון איז פאַרגאַנגען,
אַהינטער הרי־חושך,
אַהינטער זיבן וועלטן,
און, ווי אין שטייג, דעם זינגערס האַרץ געפאַנגען.

אָרום און אָרום איז דעמער.
דער בוים טוט קיין ריר ניט מיט אַ בלאַט.
ליידיק שטייט דער עמער,
אַליין וואַרט אויף אַ שפּעטער.

— שוין לאַנג זינט דיינע הענט האָבן מיך געהאַלדזט —
„שוין לאַנג״ . . . טוט ווער אַ פליסטער.
אַ ווידערקול, אַ ווידערקלאַנג . . .
— וואו ביסטו, אויסגעטרוימטער נסתר ? !

אין געפאַנגענשאַפט
האָט דעם זינגערס האַרץ זיך צעפלאַטערט.
אַמאָל, אַמאָל —
ער פרואווט זיין קול ;
ער איז געווען אַ זיסער זינגער —
זיין האַרץ איז אָבער איצט פאַרמאַטערט.

דאָך — ער טוט אַ טריל ;
אַ קלאַנג פאַלט הייזעריק, צעשפּליטערט.
דער אָוונט דעמערט אויפן שויב,
דעם זינגערס האַרץ צעפלאַטערט, ציטערט,
אַ ווײַלע שאַ, אַ רגע שטיל —
אויסגעלאָשן שוין זיין האַרץ, פאַרביטערט.

דער זייגער שטייט . . .

אַ ת פ י ל ה

גאָט, גיב מיר כוח צו טראָגן מיין יאָך ווי ער איז,
עס זאָל אויף קיין האָר מיין געטריישאַפט ניט ווערן געשטרויכלט.
דאָס געשריי פון מיין הארצן טוט צומאָל מיך פארטויבן —
מיין לייב ברענט ווי אַ סנה אין מִדבר,
ווען איך טו דיין צערטלעכקייט לויבן.

גאָט, עפן דיין אויג, נייג דיין אויער.
פאַר דיין שטראָף שטיי איך נידעריק געבויגן.
איך שטיי פאר דיר אָנגעטרונקען מיט טרויער.
איך זוך דאָס רחמים׳דיקע ליכט פון דיינע אויגן.

איך בויג זיך פאַר דיר אָנגעטרונקען מיט טרויער ;
דו האָסט געגעבן מיר לייב און געפילן,
דו האָסט געגעבן מיר שכל צו קעמפן,
ווי אַ שאָטן איז מיין לעבן צווישן ערד און שטערן,
ווי אַ הויפן ערד לייג איך מיין הארץ צו דיינע פיס.
מיינע חושים, פאַרוויקלט אין דיר, טוען זיך איינהערן.
אפילו פון דיין צאָרן די ביטערניש, איז מיר זיס.

פאַר דיינע מעשים שטיי איך נידעריק געבויגן —
אָ, נאַכטיקער גאָט, דערלויכט מיין פרימאָרגן ! . . .

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ע ר ד

ערד ! דיר אָפּגעגעבן האָב איך מיין גוטס, מיין ירושה ;
דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די גראָזן,
די זון האָט געשיינט איבער מיר אָן בושה,
איצט שטיי איך פאַר דיר אַליין און פאַרלאָזן.

די שיינקייטן פון אַלע יאָרן ליגן איצט פאַרשאָטן
אין זאַמד, אין ליים, אין שטיין, אין אָסיען־געוויטער —
איך שטיי איבער זיי ווי אַ שאָטן,
מיט פּחד אין טראָט און מיט ציטער . . .

ביסט אַזוי שטיל, אַזוי הכנעהדיק, מיין ערד,
אַזוי געפאַלן ביסטו היינט, פאַרוואָס נישט דערהויבן ?
האָסט געעפנט מיין האַרץ צום צער פון אַלץ וואָס לעבט,
דו דעמערסט אין מיר, ווי דער אָוונט אויף שויבן.

ערד, מיין ערד ! קוק אָן די זון, זי גייט אונטער פאַרקלעמט,
האָסט צוגענומען מיינע פאַרליבטע יאָרן ;
איצט שטיי איך פאַר דיר, פאַרשעמט
און בויג זיך — אויסגעליידיקט און פאַרלאָרן.

אין שפּיטאָל

ס'איז אלול.
אַ זיסער טרויער שוועבט אין לופטן,
מיט דין ווייסע שפּינוועבס.
אינם ווינט אַ קלאַנג פון טויבן-פלאַטער,
זאַט און שאַרף דער ריח פון דער ערד.
עס יוירט די גרינקייט אין דער זון.
עס שמעקט מיט לולב-בלעטער און מיט מירט,
מיט האָניק-עפּל אויף דיביימער.
זיין גרינעם חלום וויגט דער צעדער-בוים,
זיין טרוים צינדט אָן מיין דמיון.
איך מאַך די אויגן צו.
אַ, קראַנקן-הויז, ביסט מיר געוואָרן אַ באַהעלטער,
איך זוך פאַרגעסנקייט אין דיינע מויערן,
אין דיינע שאָטנדיקע ווענט.
אָט זיץ איך דאָ ביים קראַנקן, שעה נאָך שעה — —
איך זוך נחמה.
איך זוך אַ טרייסט פאַר מיין צעוויייטיקטער נשמה.

אַלע טייכן,
אַלע שטראָמען,
באַהאַלטענע און אָפענע,
גיסן זיך דאָ צונויף אין אַ סוף־לעבן־טרויער.
דער לעצטער אויסגעשריי.
די לעצטע טרער.
די גסיסה פון אַ ליבע.
דער זומער און דער האַרבסט,
דער ווינטער און דער פרילינג.
די ליבשאַפט פון הונגעריקן לייב,
דער זיסער ווייטיק פון אַ טרער,
דער טוי פון נעכט,
די בענקשאַפט פון יאָרן.

עס ברענען דאָ קראַנקע, איינגעדאַרטע קנאָכן.
רוקנס אויסגעבויגענע אין ווייטיקדיקן פיבער.
צעדרייטע גלידער,
קרומע,
לאָמע,
שטומע,
טויבע.
אַ מאַמע וואַרפט פיבערדיק מיט אירע פינגער.
זי מאַכט פלינקע צייכנס.
זי באַוועגט די ליפּן,
די נאָזלעכער צעוויגן זיך,
די אויגןריידן מיט אויסגעברענטן צער —
דאָס וויל זי, אירע שטומע יינגלעך צוויי,
געבן צו פאַרשטיין דעם ווייטיק פון איר האַרץ.

צי קום איך דען אהער מיין נשמה צו היילן?
צי אָנקניפּן מיין פּיין מיט יענעמס וויי-געשריי?
ווי איז מיר און ווי איז זיי,
איך טרינק מיך אָן מיט קראַנקן אומגליק.
איך צי אין זיך די קראַנקע לופט,
איך אָטעם איין די מענטשלעכע יסורים;
איך וויג מיין לעבן איין אין אַ קראַנקן וויג.

מיין לעבן איז דאָ גורלדיק פאַרבונדן
מיט מיטלייד און מיט רחמים.
איך וויל זיך דאָ איינגלידערן, פאַרוואָרצלען און פאַרוועבן
מיין געשריי מיט דעם שאָטן פון יעדערנס וויי;
שוועסטער, ברודער, קינד און ווייב,
געליבטער מאַן.

אָ, האָב ניט קיין פאַראיבל, בלינדער גורל,
מיט אַ מעסער האָב איך קעגן דיר געווערט זיך,
דאָס אומפאַרמיידלעכע געוואַלט באַצווינגען.
פיבערדיק האָט זיך מיין כוח אָנגעשלאָגן
אָן דיינע בלינדע טויערן.
מיין לעבן האָט זיך געריסן צו דיין פלאַם —
און ער איז אויסגעלאָשן . . .

די זון שלאָגט אינם קראַנקן-הויז.
אין שויב קוקט אַריין די ליידנשאַפט פונם רויטן הייביסקוס.
דאָס גראָז פרילינגדיק,
שלאָגט פון דער ערד אַרויס מיט יונגער גרינקייט.

גאָט, זיי מוחל מיין פאַרצווייפלונג,
פאַרגיב מיין וואַנזין.
פאַרנעם דעם טרויער פון מיין בלוט,
די פאַרלאָרענע ליבשאַפטן פון מיינע טעג,
די טרערן פון מיינע נעכט,
די שוואַכקייט פון מיין האַרצן.
גיב מיר טרייסט,
אַ צייכן פון נחמה.
גיב פליגל צו מיין טרויער.

ג י ב פ ל י ג ל מ י י ן ט ר ו י ע ר

ערד, איך זוך אין דיינע טיפעניש ן
דעם גרונט פון טויט און פון לעבן.

ערד, קוק אָן מיין יאוש,
מיין צווייפל,
מיין נשמה־געראנגל.
דערהויב מיך,
באַניי מיך,
הויב מיך אויף פון מיין דערנידערונג.

מיין לעבן, צעטראָטן, צעטראמפלט;
איך זוך, איך מעסט, איך וועג —
וואָס איז אַ היינט אָן אַ מאָרגן?
די טעג — געלאָדן מיט זאָרגן.
און אין די נעכט
זינגט די מרה־שחורה דעם ניגון
פון יידישע קדושים.

אמאָל, אמאָל אין אַ שמיטה,
קומט מיר צו חלום אַ בוים אַ צעבליטער,
מיט אַ גרינעם בטחון אויף די בלעטער,
און מיט אַ צוזאָג אויף אַ ליכטיקן שפּעטער...

אומגעריכט קומט־אָן אַ שטורם
אויף אַ ברויזיקן וואָלקן צערייטן,
ער רייסט און ער פליקט און ער העשעט,
און שוין ליגט מיין חלום
אין אַ וויסטן צעשמעטער...

ערד, ביסט אייביקע גבורה,
די מוטער פון אלץ וואָס עס וואקסט,
גיב כוח מיין צער,
גיב פליגל מיין טרויער!

צו אַ יידישן פליער

פלי, מיין אָדלערל,
פלי צו די שטערן.
מיין הארץ אויף דיינע פליגלען נעם מיט.
דעם געפאַך זייערן זאָל גאָט דערהערן,
און ס׳געשריי פון דיין פרייען געמיט.

אין דער ווילדער וועלט איז קריג.
איך בין אַ מאַמע,
איך פאַרמאָג ליבע און טרערן.
עס איז קריג.
גרים מיר די וואָלקנס —
דיין אָדלערשע וויג.

די אומרו פון די שטערן
אין דיינע אויגן.
דיין לעבן — אַ טריט פון געטלעכן גאַנג.
אָ, ווי קאָן עס גאַר זיין פון דעם זאָל גאָרנישט ווערן,
און פאַרשטומט זאָל ווערן אין דיר מיין געזאַנג?!

איך האַס מלחמה!
און מיין ליבע איז גרעסער
פון דער שטאַרקסטער זינד.
אָ, מיין קינד,
די איינזאַמקייט איז אַ שאַרפער מעסער,
און די שנאה איז שרעקלעך בלינד.

איך שיק דיך, מיין אָדלערל, אין די שטאַרקסטע געפאַרן,
וואו לעבן פאַרלירט דאָס מענטשלעכע ווערט.
וואָס איז דאָ צו ריידן און וועמען צו נאַרן —
ביטער איז דער טוי אויף דער היינטיקער ערד.

פלי, מיין אָדלערל,
איך וואַרט אויף דיין קומען.
דעם זיבעטן הימל זע נישט פאַרפעל.
דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון צעטראָטענע יידן,
דאָס וועט ניט שטומען.
דאָס געשריי פון קינדער געפייניקטע —
אַ מצבה אין די אייביקע הימלען שטעל.

דיינע פליגל —
פליגל פון שלום
און מענטשלעכער פאַרגעבונג.
דיינע פליגל — דאָס געשריי פון פאַלנדיקע געטאָ-ווענט.
נעם מיט אין די הימלען די לאַטע די געלע,
דעם אומזין באַווייז די ווייטסטע שטערן,
דערצייל ווי דאָס לעבן אויף דער ערד איז געשענדט.

פלי, פלי, מיין אָדלערל, ברענג דעם ליכטיקן מאָרגן.
דער היינט איז וויסט פאַרבלוטיקט פון זינד.
אין דיינע פליגל — דאָס האַרץ אַ קרבן
פון יעדער מאַמען, וואָס האָט אַ קינד.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אַ ניגון

איך הער אין זיך דעם ניגון פון דורות.
איך טראָג אין זיך די פוסטקייט פון גרויסן פארלוסט,
א חוב צו מיינע אמהות:
שרה,
רבקה,
רחל,
לאה —
זיי קוקן אָן מיין צער,
זיי ווילן מיך טרייסטן.
נאָר קיינער קאָן דאָס מער ניט טאָן,
קיינער!
מיין לעבן —
אַ דאָרן פארשמאכט צווישן שטעכיקע שטיינער.

ווי קאָן גאָר זיין, אז דו, מיין ליד,
וואָס איך האָב דערנערט מיט מיין בלוט,
געהייסן:
שטומען,
שווייגן!
און געמיינט, אז איך האָב דיך פאַרלאָשן אויף אייביק ———
און דו רייסט זיך גאָר,
דו ווילסט נאָך שטייגן?!
וואוהין,
וואוהין?
עס ליגן אין גרויען אַש מיינע צווייגן.

אויף וועמענס חורבן וויין איך?
מיט וועמענס חורבן בין איך זיך מתחתן?
מיטן חורבן פון מיין טאָטן;
מיט זיין צעטראַמפּלטער תורה,
מיט מיין און מיט דיין מרה־שחורה.

אַ שאָטן פון אַ ניגון שוועבט איבער מיר,
דער שאָטן שווייגט,
דאָך, קאָן איך שווערן,
אַז דער ניגון, איך שפּיר,
דאָס זוכט ער אַ טרייסט
ביי מיר,
ביי מיר.

„וואָס צו זאָמד איז צו זאָמד,
וואָס צו ערד איז צו ערד" —
אַ טראָפּן רעגן וועט נישט פרעגן
אַ קשיא,
אַ הארבע:
פאַרוואָס ער איז נישט מער ווי אַ טראָפּן?
אין ים דער טראָפּן,
אין טראָפּן דער ים;
ווי די וואָרצלען פון שטאָם
זאָגן זיך נישט אָפּ פון די בלעטער —
אַזוי איז אין מיר
פון ניגון דער פלאָם
פון פריער,
פון איצטער,
פון שפּעטער.

ב י ס ט ד אָ ?

זון — הויך־אויבן,
שעה נאָך שעה ;
ליכטיקער גלויבן,
— צי ביסטו דאָ ?

שפּיציקע שטיינער
אונטער מיין טראָט ;
אַרום — איז קיינער,
וואו ביסטו, גאָט ?

דער מדבר רעדט
מיט שטעכיקן דאָרן ;
יעדער זעמדעלע זעט,
ס׳זאָל נישט גיין פאַרלאָרן.

שטערן — הויך־אויבן,
די נאַכט איז בלאָ ;
ליכטיקער גלויבן,
צי ביסטו דאָ ?

„ש י נ אָ ה אַ י"

געפּאָרן איז אַ פישער פיש צו פאַנגען,
מיט ווינט אין די האָר און מיט זון אין די אויגן.

— פישער, מיין פישער, וואו וואוינט איצט דיין חלום?
אויף די פליגלען פון שטורעם איז דיין חלום פאַרגאַנגען.

געפּאָרן איז אַ פישער פיש צו פאַנגען.

ער גרייט זיך צום פאַנג,
זיינע נעצן פאַרשפּרייט ער;
זיין איינציק פאַרלאַנג:
ניט קומען פון פאַנג אַ פאַרשעמטער.

דעם נאָמען פון פישער וויל איך דאָ פאַרשרייבן,
זאָל כאָטש פון אים אַ זכר פאַרבלייבן;
זיין נאָמען קלינגט פרעמד און פרעמד זיינע קלאַנגען —
„איי קיטשי קובאָיאמא".

גפאָרן איז אַ פישער פיש צו פאַנגען.

דער ים צעשפּילט מיט פראָסט אויף די כוואַליעס,
דער פישער ווארפט נעצן און טראַכט פון זיין דלות.

די זון האַלט ביי שקיעה,
עס שפּרינגט דער ווינט פון כוואַליע צו כוואַליע,
אַ זאַלציקער שטויב פאַרפּראָשעט זיין וויע;
ער פילט, זיין ראיה ווערט עפּעס קאַליע,
פאַרוואָרפן די נעצן מיט אַזאַ ליכטיקן האָפן,
איצט — ציט אים צום שלאָפן, צום שלאָפן.

געפאָרן איז אַ פישער פיש צו פאַנגען.

און ווי נאָר די זון איז אַ מידע פאַרגאַנגען,
האָט דער ים זיין גאָלדענעם חלום געפאַנגען.

פונוואַנען, פונוואַנען
איז געקומען אַ גאָלדענער שטויב צו שוועבן?

דער גאָלדענער שטויב, ווי שפּינוועבס,
טוט אים פאַרשלעפערן, טוט אים פאַרוועבן . . .

ק ו ב אָ י א מ א, מיין ברודער,
דיין חלום פאַרזונקען אין ים'יקן תהום,
דיך האָט פאַרשלעפערט דער אַש פון אַטאָם.

זכרון

אַ ק ד י ש נ אָ ך א ו נ ד ז ע ר ע ק ד ו ש י ם

האָב נישט פֿאַראיבל, מיין האַרץ,
וואָס פֿון אַש און רויך האָב איך די סטרונעס
פֿון דיין פֿידל אָנגעצויגן.

וואָס דיין ניגון וועט זיין אַ ווידערקול
פֿון אַ חרובן דור
וואָס וויל לעבן ווידעראַמאָל.

זיי רואיק, מיין האַרץ,
פֿוץ זיך אוים אין די שענסטע קלאַנגען,
מיט דער ליבע און טרויער פֿון נעכטן,
מיט דעם צער פֿון היינט,
און מיטן געשריי פֿון שעכטן.

דער בוים גיט צוריק דער ערד —
זיינע בלעטער.
דער מענטש — זיינע ליידן.
מיט שערבלעך אויף אויגן,
אין לייוונט, צי אין זיידן —
נעמט די ערד צוריק
דעם סוף פון יעדערנס ניגון:

דעם האַרבסטיקן טרויער מיט גאָלדיקע בלעטער,
דאָס שלוכצן פון אַ שטאַרבנדיקער אומה,
דעם פויגלס געטרילער,
דאָס הייליקע שווייגן פון אַ רגע אַ שטילער.

איז, האָב נישט פאַראיבל, מיין האַרץ,
שטיי מיר ביי אין די ערגסטע מינוטן.
דאָס וואָס אַ האַנט האָט געזייט
וועט אומזיסט ניט פאַרגיין.

דער „שמע ישראל" פון זקן —
דעם קדוש,
דאָס לעצטע געשריי
פון אַ קינד,
דער פלוך פון דערוואַקסענעם ברודער,
דער יאָמער פון ביידנס מאַמע —
זיי ברענען, ווי סנה אין מדבר,
אויף די בלוטיקע טרעפּ פון זכרון.

א י ך ש ט ע ל ל י כ ט . . .

מיר האָבן אָנגענומען אונדזער טרויער ביים האַנט,
און אים אַוועקגעזעצט סאַמע אויבן־אָן.
דער כבוד־טיש איז אויסגעפוצט מיט רויזן, מיט גרינע בלעטער
און מיט ראַזשינקע־ווייַן . . .

אומגעקומענע אין פייער, אין הונגער, אויף תליה־שטריק,
אין מגפות, אין לאַגערן, אין שנאה און אין גיפט,
מיר „יום־טובן” היינט לכבוד אייערטוועגן.

וויפל יאוש באַדאַרף אין זיך האָדעווען אַ ייד,
כדי אויסצוזינגען שטיל אַ יידיש ליד?
וויפל סך־הכלען באַדאַרף אונטערציען אַ ייד,
כדי, באַוויינען דעם טויט פון אַ צווייטן ייד?

אומגעקומענע קדושים אונדזערע, הויפט־מחותנים,
היינט יום־טובן מיר לכבוד אייערטוועגן . . .
מיר לייענען לידער,
בעטן הילף פאַר די אין נויט פאַרבליבענע,
היימלאָזע,
און נע־ונד געטריבענע.

אוי, די יידישע קדושה פון ליידן
וועט, ביז אין דער אייביקייט, קיינעם ניט מיידן.
זאָל איך צופאַלן און תפילה טאָן?
צו גאָט?
צום בוים?
צו אַ וואַנט פון אַ בית־מדרש?
צו אַ הייפל אַש?
אָדער אפשר גאָר צו אונדזער אייביקן בטחון?

אפילו פונם „של־ראש” ביז צום „של יד”
איז איינגעפלאָכטן אין רצועות שוואַרצע,
אונדזער נע־ונד.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ש ב ע ה

איך האָב פאַר דיר אויסגעוויינט מיינע אויגן,
מיין האַרץ פאַר דיר אינגאַנצן אויסגעקלאָגט,
וואָס טויג מיר דער צוזאָג פון דיין רעגנבויגן,
אַז דער שטורעם ברעכט נאָך מיין היים און צעטראָגט.

כ'זיץ שבעה נאָך מיין פאַרשניטענעם פאָלק,
אויך נאָך דיר זיץ איך מיין שבעה אָפּ;
צעפּולווערט ליגט אין שטויב דיין שכינה,
אין אַש דיין געטלעכער און טרויעריקער קאָפּ.

מיין שטאָם, אין זיין עלנט, ליגט אין אַ גרויען מדבר,
פון זיין וויי־געשריי איז אויסגעברענט דער אָרט,
האָסט קיין טרייסט נישט פאַר מיין קראַנקער אומה —
ברעך־אָפּ דיין שווייגן און הערן לאָז דיין וואָרט.

ניט שעלטן דיך וויל איך, עס שעלטן דיך שוין אַלע,
מיין עלנטער, מיין טרויעריקער גאָט.
טאָ שפּרייט די הימלען אויס מיט רחמים,
זאָל ווידער אויפלויכטן אין זיי דיין גנאָד.

איך בין, מיין אויבערשטער, ביי זיך אַזוי געפאַלן,
ווי געפאַלן איז מיין אומגליקלעכער דור;
וואו איז דיין גאולה? איז באמת אַלץ פאַרפאַלן,
אומזיסט דער גאַנצער נע־ונד־זיין פון אַזויפיל יאָר?

איך זע עס ווייגט דיין שאָטן ערגעץ־וואו
אַ פאַרגעסענער אין שטויב און אָן אַ זין,
ביסט אינאיינעם מיט דיין פאָלק צעטראָטן,
איז גייען מיר אינאיינעם . . . נאָר וואוהין?

און, אויב ס'איז דאָ אַ זין אין ליידן
און צום גזר־דין איז שוין ניטאָ קיין סוף —
זאָל דער גורל אויך אונדז ניט פאַרמיידן,
לאָמיר ביידע אָפּקומען די שטראָף.

אַ חלום

דער גן־עדן פויגל איז צו מיר געקומען
און אַוועקגעשטעלט זיך אויף מיין בעט.
מיט זיין שאַרפן שנאָבל און מיט ליכטיקע אויגן
האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי מיט געבעט.

איך הייב קוים אויף צו אים די שווערע ברעמען,
מיין מויל צעשמייכלט זיך פון זיך אַליין.
און כדי זיין גוטן־מוט ניט צו פאַרשעמען,
שטיק איך איין אין זיך מיין קראַנק געוויין.

איך נעם צונויף אין זיך די לעצטע כוחות
כדי באַגעגענען מיין שפּעטן גאַסט.
זיינע שאַרפע אויגן, זיינע גאָלדיק־בלויע פליגל,
דריקן מיך צו מיין געלעגער ווי אַ שווערע לאַסט:

— צי ביסטו דאָך יענער וואונדערלעכער צוזאָג,
און דער חלום איז אויף אַן אמת געווען זיס,
פאַרוואָס זשע הער איך כסדר אַזאַ קלאָגן,
און ס'הענגען שטריק אויף דיינע פיס?!

ער טוט אַ פיר מיט איין בלויען פליגל,
און צעשפּרייט זיין גרין־גאָלדיקן עק.
אין זיין אויג, ווי אין אַ וואַסער־שפּיגל,
זע איך מיינע פאַרלאָרן־געגאַנגענע טעג:

אַ יונגע זון איבער פרייע גרינע לאַנען,
וויגט זיך שטיל דער קאָרן ווייט צעגרינט;
און איבער דעם שפּאַנען, שפּאַנען, שפּאַנען
חיילות, ווי פלאַמיק־ברויזנדיקער ווינט.

זיי שפּאַנען מיט די פּאַנצערס און מיט שפּאָרן,
אַ שפּיז אַ גיפטיקער אין יעדער האַנט;
פאַרלאָרן, אוי פאַרלאָרן, אוי פאַרלאָרן
די לעצטע יידישע חלום-וואַנט.

ירמיהוס עלנט וועקט מיך,
זיין געיאָמער קלינגט אָפּ דאָ.
פינסטער איז זיין פּנים און זיין שטים,
ווי אין מדבר די נאַכטיקע שווערע שעה.

די מדבר-שעה איז אַ שפּעטע.
דער קאָפּ — אַ הייסער נאַכט-קאַשמאַר.
עפּעס שטאַמל איך צו אים און בעט אים,
ווי מיין לעבן וואָלט געווען אין טויט-געפאַר.

און קוים צעעפן איך די אויגן מיינע
און שטרענג אָן מיין קראַנקן גוף:
— וואוהין, מיין פויגל, ביסטו ראש פאַרפלויגן
מיט דיין ליכטיקן און שטומען רוף?!

דיינע נעגל זיינען געוואָרן שאַרף און שפּיציק,
מיט אכזריות און גלוסטעניש פון רויב!
פינסטער ווערט מיר, פינסטער אַרום מיר,
וואָס איז געוואָרן פון מיין שטילער טויב?

זיין בלויער פליגל איז אַ שווערד גאָר,
זיין גרינגאָלדיקער עק אַ שאַרפע שפּיז,
זיין שנאָבלדיקער קאָפּ — אַ בייזע פייל
און אין בלוט — די פורפור-רויטע פיס . . .

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

י ז כ ו ר

פייערן איבער אַלע וועגן אויסגעשפּרייט.
מיין שטוב איז אָן אַ דאַך;
און איך אַליין בין גרייט,
אַ היימלאָזע, זיך לאָזן איבערן שליאַך.

אַ היימלאָזע זיך לאָזן איבערן שליאַך,
אין מלכות פון די געטאָס, געלער לאַטע;
מיט מיר וועט מיטגיין דער תנ"ך,
און מיינער, אין מסירת-נפש, אומגעקומענער טאַטע.

אָ, גורל פינסטערער, שטיי־מיר־ביי,
דורך שרפות, נייע גלותן און געטאָ-שטאָט;
וואַרשע, פּראַג, פּאַריז און ווילנער שולהויפן פאַרביי —
אויסגעפייניקט אינאיינעם מיט אונדזער גאָט.

ערטער הייליקע, ווי קאָן איך אייך פאַרשעמען;
אָן ערשט געבוירן קינד אין קיינעמס לאַנד זבאָנזשין,
האָט וויינען ניט געהאַט פאַר וועמען,
זיין ערשטן אויסגעשריי שיקן ניט געהאַט וואוהין.

ל י ד ע ר

צו ערגעץ־וואו רייסט מיין לעבן זיך, וואוהין?
ווי שרפה, זיך אַליין פאַרצערן;
אין קין׳ס ליידן מוז אודאי זיין אַ טיפער זין,
און זיין געשריי אין זיך אַליין דערהערן.

וואָס טוט איצט די ווילִיע אין ווילנע, אינם „ירושלים דליטא״?
און טלאָמאַצקע נומער 13 אין וואַרשע, וואָס איז דאָרט?
צי לויכט די שכינה אויף דאָרט אַמאָל אין אַ שמיטה
און גיט אַ רמז אויף אַ יידיש וואָרט?

צי טראָגט נאָך אַלץ די ווילִיע איר חלום באַרג אַראָפּ,
און דער הימל וואַשט די וואָלקנדלעך אין איר בלאָ?
קלויז־יידן הער איך, זיינען מעביר די סדרה מיטן אַלטן טראָפּ,
כאָטש איבער זיי הענגט שווער די גורלדיקע שעה.

איך בין אַזוי צעבראָכן און פאַרשעמט, פאַרשעמט
פון אונדזער בלוט און בערד־געפליקטע צו פלעכטן גראַמען;
אונטער מיין טראָט שרייט יעדעס זעמדעלע פאַרקלעמט,
אויף מיינע וויעס גליען טרערן פון אַ מאַמען.

ווי קאָן איך אייך, פאַרפייניקטע, פאַרשעמען,
ווי קאָן איך לאַכן, לעבן ווי קאָן איך?
אָ, מיינע טייערע, מיינע געליבטע יידישע נעמען,
אַן אויסגעקוילעטע פאָלק . . . אַ באַרג פון פוסטע שיך . . .

וועט גראָז אַמאָל דאָ וואַקסן? וועט גראָז אַמאָל דאָ גרינען?
היימען, מיינע היימען, אָפּגעברענטע שוועלן!
ווער וועט פאַרוועבן, ווער וועט פאַרשפּינען —
אין אייביקייט — איר זאָלט דער וועלט ניט פעלן.

אַ מעשה שהיה

א

עס איז פרילינג. עס בליט די ערד דאָ,
פול פרייד שיינט די זון ביים פּאַסיפישן ברעג —
ניט פון ווידוי רעד איך דאָ, נאָר פון אַ מעשה שהיה
וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין אונדזערע טעג.

איך אָטעם די לופט פון שאַרפן מדבר דאָ,
דאָך מיט טרערן איז געמישט מיין טעגלעך ברויט,
עס ציט מיך צו די ווייטע הימלען,
נאָר איך גיי אום ווי אין שאָטן פונם טויט.

אויף די טרעפּ פון מיין זכרון איז באַהאַלטן,
יענער גרויל וואָס „לייענט" זיך ווי אַ מעשה־בוך,
פון עקדה־פייערן קומען אויף געשטאַלטן,
מיט פאַרשניטענעם בטחון, מיט יללה אין זייער פלוך!

זיי שרייען, זיי ריידן און זיי מאָנען
אַ ווידעראויפלעבונג, ווי אין אַ ווידערקול,
אַ ברענענדיקער צייכן, אַ דערמאָנונג
אָן דער פאַרפייניקטער קדושה פון אַמאָל.

ב

ווי אַ באַפרייטער אָדלער האָט זיך די יידישע וואַרשע געפעדערט,
מאַמע-לשון האָט גערעדט מיט שאַרפע ציין,
דאָס וואָרט פון יידישע פּאָעטן האָט מען פאַרגעטערט —
אפילו די מיאוסע נויט איז געווען מלא-חן.

און אַז די יידישע גאַס האָט דעם שבת אין שטוב אַריינגענומען,
איז אליהו הנביא געזעסן ביי יעדנס טיש;
מיט קפיצת-הדרך, אין איילעניש איז ער געקומען
און געמאַכט דעם שבת-יום-טוב זיס.

אַראָפּגעוואָרפן האָט דער ייד די וואָכעדיקע זאָרגן,
אפילו דעם בורא נישט געפרעגט פאַרוואָס;
אַזוי געוואָרן איז יעדער ייד אַ „מלך",
און יעדע קעלער-שטוב — אַ „שלאָס".

אָ, יענער „מלכות", יענע אָרימע מעת-לעתן,
אויף גענשע, צי אויף דזשיקע, צי אויף טוואַרדע גאַס,
ווי קאָן מען עס גאָר פאַרגעסן, —
זלאָטקע-חנה-צירלס, צי איטקע-שרה-פּעשעס שפּאַס...

די גאַס, די גאַס, די יידישע גאַס, הונגעריק און פאַרשמאַיעט,
האַנדל-וואַנדל, די נאַלעווקעס זוכט ברויט,
דער שוסטער ביי זיין קעלער-וואַרשטאַט,
דער טרעגער שלעפּט זיין פּאַק — די שווערע נויט.

ג

און אָט איז די לערערין קאָדיע מיטן קליינוואַרג דאָ,
אין אַ בוידימשטיבל אויף דער נאָוואָליפּיע גאַס.
די קינדערשע קעפּעלעך — גליענדיקע שטערן אין הימל,
זייערע פּנימלעך, מיט הונגער, ברוגזן בלאַס.

די אויגעלעך זייערע ברענען מיט דלות-פייער,
שפּילן קידער־ווידער מיט דעם אלף-בית,
גופּימלעך דאַרינקע, ווערן מיר היימיש, טייער,
יעדעס פּנימל לויכט ווי אַ צעבליטע רויז.

היינט קאַדיעס ליטווישער זופּ, געווען איז דאָך אַ מחיה!
עס שווימט, מיט גדלות, אום אַ גרויפּ אין בלעכן שיסעלע,
עס טשאַטעווען אויף דעם גרויפּ די קינדער, ווי אַ פייגל-סטאַיע,
— „קאַדיע, טייערע קאַדיע, שיסל-צו נאָך אַ ביסעלע . . .״

איך זעץ מיך צו ביים נידעריקן טישל,
איך העלף אויסטיילן דעם „מלכותדיקן״ זופּ,
אָבער איטקען ווילט זיך גאַר אַ „טערקיש״ ניסל,
און זלאַטקען — אַ סטענגע מיט אַ שלייף אין קנופּ.

די לערערין פאַרציט מיט זיי אַ ניגון,
די קינדער פּלעסקען צו, עס גייט אַ גאַנג!
עס לויכטן זייערע פּנימלעך פול חן און פאַרגעניגן,
די סטעליע און די ווענט וויגן זיך צום געזאַנג.

זיינען געקומען די גורלדיקע יאָרן,
אויף פייער-פליגל האָבן זיי געטאָן זיך אַ לאָז;
אין שרפות האָב איך מיינע טייערע אָנגעוואָרן,
איצט רופן זיי צו מיר פונם אַש און פונם פאַרברענטן גראָז.

ווי פייערן אינם מויל פונם ווינט,
ווי פון הימל פאַלנדיקע שטערן,
זיי טראָגן זיך פאַר מיר פאַרביי — ווײי איז מיר און ווינד —
עס ברענט די נאַכט, אויף מיינע אויגן גליען זייערע טרערן.

ל י ד ע ר

ק ו ם   א ל י ה ו

יאָ,
עס איז שוין די העכסטע שעה,
צו־צואיילן דאַרפסטו,
טאָרסט זיך נישט לאָזן בעטן מער.
אליהו,
ביסט אַלעמענס טאַטע,
און אַלעמענס רעטער ביסטו.

די גאַנצע ערד — אַ בלוטיקע עקידה.
ביסט מיד.
ליגסט ערגעץ־וואו אונטער שטיינער,
ווי אַ פאַרשטומטע ליד.

אליהו,
צי האָסטו אין פייער פון סדום דיינע פליגל פאַרברענט?
אָדער, געבונדן זיינען דיינע הענט?
הויב אויף דיין צעשטויבטן נס,
צעטרייב די מרה־שחורה מיט דיין היימישער פאָלע.
אַלע קריוודעס פאַרגעס,
און קלאַפּ אָן אין דעם טרויער
פון אונדזערע ווענט.

צי איז דיר נמאס געוואָרן דאָס גיין איבער אָרימע שטיבער?
אָדער רייכע און גליקלעכע זענען דיר ליבער?
צענעם דיינע פליגל, וועק אויף דיין גבורה —
וואו וואוינט איצט דיין ליכטיקע בשורה?

קום, אליהו,
מיט אַ גן־עדן עפּל אין האַנט,
און ברענג אונדזער חלום צוריק —
דאָס פאַרלאָרענע קינדערשע גליק.

אליהו,
דיין גאָט איז נאָך גרויס,
דיין פאָלק איז נאָך דאָ.
קום,
ס'איז די העכסטע שעה!

א י י ג נ ס

ל י ד ע ר

מ י י ן מ אַ מ ע מ י ט א י ר ע ק י נ ד ע ר

מיין מאַמען אַ מתנה.

מיין מאַמע פלעגט אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט,
שטיל אומגיין און באַטראַכטן איר פאַרמעגן,
און קלערן: אַן אוצר, אַן אוצר, נישט אָפּצואוועגן,
טאַקע גאָט אַליין האָט עס אַזוי געמאַכט . . .

אַ גאָרטן מיט ביימער מכל המינים, אין די צווייגן, פייגל נעסטן . . .
ניט גאָלד, ניט פּערל און ניט שמאַראַגדן גרינע,
צו געפינען אַזעלכם דאַרף מען פאָרן אין דער ווייטסטער מדינה,
נאָר די מלכה־שבא האָט זיך געקאָנט מיט דעם פאַרמעסטן.

זיבן טעכטער, ווי די סאָסנעס, מיט אויגן שוואַרץ צעשטראַלטע.
אין די אַטלעס־שוואַרצע קעפּ האָט די נאַכט אַליין פאַרשפּונען
חלומות פאַרשייטע,
און צעשויבערט זיי בייטאָג איבער זיבן הימלען, ווייטע — — —
און דער פראָסט, ער רויטלט, ווי עפּל צייטיקע, די מיידלשע באַקן.

די עלטסטע טאָכטער, אַ נאָמען נאָך דער באָבע חוה,
אירע אויגן, שטילע, ברוין ווי קאַווע,
אַזאַ בר־דעת איז גאָר נישט צום געפינען —
אַ גוטער מזל זאָל אין הימל פאַר איר זיך שפּינען.

און אָט איז חנהלע, מיין שיינע חנה,
דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט קאַשטאַנען־צעפּ —
אַ זאַנג, אַן אָנגעפּולטער, אין קאַנאַדער סטעפּ . . .
אוי, מיין טעכטערל, מיין טעכטערל חנה,
מיין זיס־האַרץ, מיין מאַרצעפּאַנע.

מיט אַן עפּל צעקאָפּנס
שלאָפט מיין פאַרחלומטע אסתר,
בע־כע, — די וויינערקע פון אַלע שוועסטער.
רבונו של עולם, טו מיין בקשה דערהערן:
זאָל איר מזל שיינען ווי אין הימל די שטערן.

און אָט איז זי מיין נחמה־שרה,
מיט איר נעזעלע פאַרריסן,
מיט האָניגדיקן טרויער אויף די ליפּן —
טפו־טפו, קיין עין־הרע,
מיין טאָכטערקע! דאָס וואַקסט אַ מוטער שרה.

ווי אַ הירשיכע אין סטעפּ — איז מיין טאָכטער בתיה,
קוואַלנדיק וואַסער איר געלעכטער און פייער אויף איר צונג;
אַזאַ כוח־הדיבור, אַזאַ לויף און אַ שפּרונג
איבער פעלדער, איבער וועלדער אָן אַ שום עול —
עס לוסטיקט און עס גלעקלט איר מיידלש־זיסער קול.

און אָט איז מיין פייגעלע, מיין טאָכטער פייגל,
פלאַם־פייער אירע אויגן,
ווי אַן אויפגעשניטענער מילגרוים איז איר מויל,
אירע אָרעמס — צוויי פייגלשע פליגל,
און דאָס הערצעלע — פון רחמים אַ שפּיגל . . .

און אַט איז זי די יינגערע פון אַלע,
מיין מיזינקעלע ברכה — לויכט ווי אַ יונגינקע כלה.
ווען אויפן הארצן איז איר עפעס סומנע,
שפילט זי אויף דער פיאַנאַ אויס שאָפענס נאָקטורנע,
מיין מיזינקעלע ברכה —
מיין ליכטיקע מערכה.

שאַ, און אַט איז ער, אברהמעלע, מיין בכור:
זון מיינער, ווען איך זע דיין פנים צאַרט און קלאָר,
זע איך מיין כלהשאַפט ווי אין חלום . . .
מיין חתן, זע איך, דיין טאַטן, יהודה בן שלום.

און דו, מיין משהלע, געוואַקסן ווי אַ טאָפּאָל,
ווי שבת-ליכט לויכטן דיינע אויגן —
ביסט אפשר שוויגעדיק, קנאַפּ אויף ווערטער,
באַשיינסטו אָבער אין מיין שטוב די גרוי'סטע ערטער.

נו, און מיין ציגיינערל אהרון? אַט ליגט ער אויפן ווייסן געלעגער,
מיט אַ פנימל פון אַ צדיק-הדור,
פאַר יעדערן טוט ער זיך ממש אָפּשינדן,
אַ זונעלע — אויף מיר אַזאַ יאָר.

און אַט איז מיין בערעלע: פאַר דיר, מיין שיינינקער,
אין-פייער-אין-וואַסער וואָלט דיין מאַמע געגאַנגען,
דאָס טעלערל פון הימל פאַר דיר צו דערלאַנגען,
אין זאַווערוכעס, אין די קאַנאַדער שנייען,
אָבי ס'הערצעלע דיינס צו דערפרייען.

האָבן פייגעלעך אַן עונג־שבת געזונגען —
אַ וואָראָביטשיק, אַ שפּערל, אַ נאַכטיגאַל,
אַפילו אַ רויטער האָן פון אַ „מאַרק שאַגאַל",
אַ שוואַלב, אַ טויב, אַ קאַנאַריקל אַ געלס.

אַלע אינאיינעם, האָבן מיט פליים זייער כלי־זין געשליפן —
געטעמפּערט און געטרילערט האָט יעדער זיין זמר דעם שענסטן,
פון דעם עלטסטן, דעם בכור, ביז דעם מיזיניק דעם קלענסטן,
ווער אויפן באַס, און ווער אויף זיין קוויטשיקל געפּיפּן . . .

אברהם, משה, אהרון, בערל,
חוה, חנה, שרה, בתיה, פייגל, ברכה, אסתר („די וויינערקע",
כ'בעט איבער אייער כבוד, אַזוי האָט מען מיך גערופן) —
אַזוי טרילט מיין מאַמע אַרום אונדז ביזקל נאָך האַלבע נאַכט,
„שפּרעכט־אָפּ" יעדערן באַזונדער,
קוועלט־אָן פון אירע געראָטענע וואונדער — — — — — — —

דאָס איז מיין מאַמעלע מיט אירע קינדער.

ע ר ב ש ב ת

פרייטיק.
מיין יינגעלע זיצט ביים פענצטער.
ער ווארט, די זון זאָל „גיין שלאָפן"...

פרייטיק.
אַ ליכטיקער ערב-שבת זאָגט אָן די בשורה
פון חלה-באַקן, ליכט-בענטשן, פון ראָזשינקע-ווײַן . . .

פרייטיק.
די שבת-לייכטער אויפן טיש.
מיין יינגעלע זיצט, ווי אַ זשאַבקעלע אויף אַ שטיין,
ווען עס טשאַטעוועט כאַפן אַ פליג.

ער זעט:
די זון לייגט זיך שלאָפן אין האָדסאָן,
דעקט זיך צו מיט אַ גרינעם בארג.

מיין יינגעלע שווייגט.
פאַר מיין דמיון וויגט זיך מיין מאַמעס פנים.
זי רופט מיך, מיין מאַמע:
„אסתרקע, דעק צו דיין קאָפּ מיט מיין טיכל,
גרייט צו דעם ווײַן, אַן אייער-קיכל,
און לאָמיר צוזאַמען בענטשן ליכט . . ."

„מ'דאַרף אָנצינדן ליכט!" — זאָגט מיין ייִנגעלע —
זיין הערצעלע צינדט זיך אָן נאָך פריער
און ער טראָגט דאָס בלויע שוועבעלע פון ליכט צו ליכט.
זיבן קנויטלעך פון זיבן שבת-ליכט
טוען אַ לויכט-אויף, ווי אויפגעוואַכט פון אַ לאַנגן שלאָף —
— — — — — — — — — — — — — — — —

„ניין, מאַמע, ניט אַזוי!" —
ער וויל, איך זאָל פאַרדעקן מיט מיינע הענט דעם פּנים,
„פּונקט ווי די באָבע טוט".

— יאָ, זונעלע, דו ביסט גערעכט . . .
די ליכט-פלעמלעך שפּיגלען זיך אין זיינע בלויע אויגן.
די אָנגעצונדענע ליכט פאַרטרייבן אַלע שאָטנס פון דער וואָך.
די שטוב ווערט פול מיט שבתדיקן גנאָד.

— גוט שבת, זונעלע,
גוט שבת, יידישער בטחון.
גוט שבת, מאַמע,
גוט שבת, טאַטע,
גוט שבת, באָבע,
גוט שבת, זיידע,
גוט שבת, עלטער-עלטער-עלטער זיידע .

ש ט י ל ע ז אָ ר ג

אַ באַרג, אַ טאָל,
אַ האַלבע לבנה אינצווישן;
זיי רואיק, מיין קינד,
לייג דיין קאָפּ אָט דאָ אויפֿן קישן.

אַ באַרג, אַ טאָל,
אַ גרינער בוים אינמיטן;
מוז איך זיין שטאַרקער פֿון שטאָל
דיין לעבן צו שיצן, צו היטן.

שיין בליט דער פרילינג ווי נעכטן,
אַזוי איז זיין ליכטיקער שטייגער;
מאַך צו די אויגן, מיין קינדעלע,
דריי האָט געשלאָגן דער זייגער.

וואָס איז שוין ווידער, מיין הערצעלע?
וואָס פאַר אַ שיפן דיר אונטערגעגאַנגען?
פאַרוואָרפן, מיין קינד, איז דיין קעפּעלע,
ווי אַ גאַרב געשניטענע זאַנגען.

ווי קאָן איך דיך, קינד מיינס, פאַרהיטן,
ווען מיין לעבן איז אויך ניט באַשיצט;
ווי פון שטורעם צעשמיסענע בליטן,
דיינע גלידערלעך יערן צעהיצט?

אָ, לאַנג איז די נאַכט און שווער,
כאָטש דער פרילינג בליט אויף הויפן;
צי וועלן מיר ניט שפּרינגען מער
אינאיינעם און ניט אַרומלויפן . . .

עס פאַלט און דרייט זיך אַ בלאַט,
אַ ווינטל כאַפּט עס אונטער;
אָ, יינגעלע מיינס, מיין כוואַט,
קום־איבער און ווער געזונטער!

אַ ב ל ו י ע ר נ י ג ו ן

שלאָף, מיין יינגעלע,
שלאָף!
שאַ,
שטיל.
עס שלאָפט שוין די גאַנצינקע שטוב,
אפילו דיין בלויאינקער טוכענער האָז.

און אליהו,
דער זיידע אליהו —
שטייט ביי דיין בעט.
זיין באָרד — אַ ווייסער זעגל,
וויגט זיך אין זאַלציקן ווינט,
ער שמייכלט מיט שטילינקן גנאָד,
און זיין תפילה פאַר דיר —
ווי די רייד פון גאָט.

שאַ, שטיל,
אפילו דיין רויטער בער,
דער לץ,
האָט פאַרשאַרט אַן אויער
און הערט זיך איין.

אַ ווינט,
אַ באַרג,
אַ טשערעדע שאָף אויפן באַרג — — — —
אַ פאַסטעך,
אַ פייפל,
אַ בלויאינקער ניגון
טוען דיין חלום פאַרוויגן . . .

דער פּיר־יאָריקער

— וואָס איז, מיין זונעלע, וואָס איז, מיין קינד?
אַ חלום בלויז . . . אים שפּינט דער ווינט.

איך הער, מיין קינד, דיין אויפשרעק אין שלאָף,
מיט ווילדע אַנגסטן קלינגט דיין רוף.

— אָ, מאַמע, מאַמע, אויפן וואַנט,
וויגט זיין נאָז אַן עלעפאַנט!

— אָ, קינד מיינס, רואיק זיי און הער,
וואַרט, לאָמיך אָפּווישן דיין טרער.

און איצטער, קינד מיינס, הער זיך איין,
דיינע אויגן, טייערינקער, בלויער שיין!

און ס׳נעזל דיינס — אַ זיסע פלוים,
אָט זע, איך רייס עס אַראָפּ פון בוים.

אַ פרישער עפּל איז דיין באַק —
מיט טוי באַדעקט . . . אַזוי געשמאַק!

דו ביסט דאָך ערשט אַ פיר־יאָריק יונג,
און ס׳קנאַקט שוין ס׳יידיש אויף דיין צונג!

טאָ שלאָף, מיין קינד, און דעק זיך צו,
די נאַכט איז יונג און פריש ווי דו.

דער נביא אליהו — ביי דיין בעט,
זיי גוט, שלאָף איין, די שעה איז שפּעט.

ע מ ו ס, מ י י ן ז ו ן

עמוס, מיין יינגעלע,
קום — הער וואָס עס זאָגן
די שוואַלב,
און די ציג,
און די טויב —
זיי שיקן צו גאָט אַ געלויב . . .
עמוס, מיין זון,
גלויב !

דער פּאַסטעך עמוס,
מיט זיין נביאיש האַרץ,
מיט זיין נבואה פון פעלדער און סטאַדעס,
איז ביי דיין זייט,
עמוס, מיין זון,
זיינע ווערטער — פייער,
זיין קישן — אַ שטיין,
קוואַל־וואַסער זיין טרונק ;
די הייסע זון היט זיין געוויסן,
נאָר הייסער ווי זי
איז זיין מדבר־נבואה.

עמום, מיין זון,
אין קילן בלאַט
שלאָפט די פרייד פון דעם מאָרגן.
אין דיין בלוט וואוינט פאַרבאָרגן
די טרייסט פאַרן עלנטן,
פאַרן מענטשלעכן טרויער —
צי הערסטו מיין זאָרג פון מיין הארצן שרייען?
עמום, מיין זון,
לעבן הייסט קעמפן מיט שווערע כלי־זין...

עמום, מיין יינגל,
קום, הער זיך צו —
די שוואַלב,
און די ציג,
און די טויב — —
זיי שיקן צו גאָט אַ געלויב.
עמום, מיין זון,
גלויב!

פון אַ בריוו צו מיין מאַמען

מאַמע, ביסט איינזאַם אין ווייטן לאַנד —
פול שנייען און פראָסטיקן גליווער;
און איך בין דאָ צווישן זון און גראָז,
נאָר מיין האַרץ איז ווי פון גאָט פאַרלאָזן.

דורכן טייטש-חומש לויכט מיר דאָס האַרבסטיקע גאָלד פון דיין אויג;
ביינאַכט, אין מיין שלאָף הער איך דיין ניגון בלאָנדזשען
צווישן בערג און טאָלן אויף שנייאיקע הויכן —
איך ריים זיך צו דיר און קאָן דיך נישט גרייכן.

מאַמע טייערע, מיין לעבן שפּאַט פון מיר,
די לבנה שמייכלט שעלמיש איבער מיין טרויער;
צי געדענקסטו מיין קינדערשן פלאַפּל אין דיין טיר —
וואו איז מיין מיידלשער חלום דער בלויער?...

איך זע ווי שבת-קודשדיק דו צינדסט אָן די ליכט,
די מעשענע לייכטער ווי גינגאָלד לויכטן,
אין שטוב שמעקט מיט חלה, מיט צימרינג,
דיין פּנים איז פול מיט חן
און מיט זאָרג פון אַ יידישער מאַמע.

עס לויכט פאַר מיר אויף דיין פרומע שיינקייט,
דיינע פלינקע הענט, דיין אויפגעשאַרטער שטערן ביים טראַכטן,
גיך-גיך שפּאַנט אויפן וואַנט דיין פליסיקער שאָטן,
אין פאַרזאָרגטע ווינטערדיקע ביינאַכטן.

דיינע אויגן רעדן צו מיר מיטן קוק פון וויסן,
צווישן צער און צער פאַר אונדז גאָט געבעטן,
אונדז געלערנט די שיינקייט פון זיין „ניט־פאַרריסן",
אפילו אַ קליין ווערימל אין גראָז ניט צעטרעטן.

איך דאַנק דיר, מאַמע, פאַר דיין ברויט און דיין זאַלץ,
פאַר אַלץ וואָס איז מיר הייליק און טייער,
פאַר דיין שטילן זאָרג, פאַר דיין קלאָרער טרער,
און פאַר דעם יידיש־היימישן פייער.

פ אָ ר ט ר ע ט ן

ב ו ד ה א

די שעה איז אַ שטילע.
בודהא זיצט אויף אַ לאָטאָס פון בראָנז.
די פיס, אונטער זיך,
די הענט, אין אַ תפילה,
און אַ שמייכל וואַרימט זיינע ליפּן.

אַ זומער־פליג זשומזשעט ארום זיין אויער,
און לאָזט אים ניט טראַכטן...
די זון האַלט ביים אונטערגיין,
עס איז סומנע־פארנאכטלעך,
האָניק און טרויער
אין זיין מענטשלעכן שמייכל,
און פול מיט באַדויער.

עס קלינגט אַ גלאָק.
די קלאַנגען, ווי ליכטיקע כוואַליעס,
צעוויגן דעם גן־עדן פון דעם זיבעטן הימל,
אָט באַלד וועט בודהא זיך אויפהייבן
פון זיין דרימל,
און זיין שטילער שמייכל
וועט זיך צעשטראַלן
אינם סומנעם געווימל...

בודהא וואכט, ווי אין דרימל,
די אָנגעצונדענע שקיעה
ברענט מיט געפלאַטער.
זיין בראָנזענער גוף קוועלט־אָן צעפרידן.
ער שאַרט פון זיך אָפּ די וועלט מיט אירע פאַרלאַנגען,
בודהא איז אין זיין נירוואנא פאַרזונקען,
בודהא איז אויסגעלייזט פון דער ערד מיט אירע געראַנגלען...

און דאָך איז זיין חלום
אויף זיין בראָנזענעם פּנים ניט געמינערט,
עפּעס האַלט ער אין זיין שמייכל באַהאַלטן...
ביי זיינע פיס גרינען לאָטאָס־בלעטער.
ער שעפּטשעט אַ תּפילה, א מענטשלעכן חלום, אַן אַלטן,
ער שמייכלט מיט חכמה פון מענטשלעכע ליידן,
ער ווייסט, דאָס אומפאַרמיידלעכע וועט קיינעם ניט מיידן...

בודהא וואכט אין זיין אייביקן דרימל,
און אַ שמייכל וואַרימט זיינע ליפּן.

מ אָ נ א ל י ז א

איך שפּאַן אַרום צווישן אַ כישוף פון דורות,
פּנימער, אויגן און שטערנס צעשטראַלטע;
מיט נשמה־הונגער רעדן פון לייוונט צו מיר די געשטאַלטן,
גאָט אַליין האָט זייער מענטשלעכע שיינקייט אין פאַרב פאַרבאַהאַלטן.

אַ שטראַל ליכט באַשיינט אַ געשטאַלט אַ באַקאַנטע;
„מאָנא ליזא" שמייכלט פון איר סוד און ווייבלעכן חן.
אירע ליפּן, פול ציטער פון אויפגעבליטער ליבע,
פון אייביקן גליק און אייביקן טרויער די סיבה.

מאָנאַ ליזאַ'ס אויגן שמייכלען מיט זייער מענטשלעכן גורל,
גלוסטונג איז באַהאַלטן אין אירע הענט די שטילע —
פון איר לייב טריפט אַ בענקשאַפט, ווי אַ תפילה,
באַשערטקייט, ליידנשאַפט, ליבע און מחילה . . .

אַזוי שטיי איך און שטיי און קאָן זיך קוים רירן —
ווי ווייט קאָן אַ שמייכל פון אַ פרוי פאַרפירן?!
זי רעדט צו מיר מיט אויגן פון געליבטע פרויען,
מיט איר שווייגן וויל זי מיר עפּעס פאַרטרויען.

אין דער טיף, הינטער איר, פרילינגט אַ פעלד מיט ליכטיקע טויען,
און זי, ווי געשוועבט אין דעם שטח דעם בלויען;
דאַ ווינטשי האָט אין פייער פון רוח הקודש אַ שיינקייט געפונען,
אַ שיינקייט פון לייב און פון בלוט אין פאַרב אויסגעשפּונען . . .

מ אָ ר ע ל אָ ס

מאָרעלאָס שטייט אין גראַניט איינגעמויערט,
ער שטייט און ער טראַכט און ער טרויערט.
„מאַריאַטשיס", פון דער אַלטער וועלט און דער נייער,
מיט צעוואָרפענע היט אַנטקעגן ווינט,
שפּילן פאַר זייער באַפרייער.

מאָרעלאָס,
דו, בראָנזענער אָדלער!
מיט נאַכט און מיט שטורעם אין פליגל,
איינגעהאַקט אין פעלז איז דיין טראַכטן,
אַ באַלויכטענע כמאַרע — דיינע ברעמען;
דיין שטערן, ער וועלבט זיך איבער איר צום הימל.

די זון, זעצט זיך, דיר אַנטקעגן,
און פילט־אָן די לופט מיט אַ סוף־טאָגיקער בענקשאַפט.
די אַרומיקע בלויע בערג אייביקן דיין נאָמען:
מ אָ ר ע ל אָ ס!

קוקסט, ווי דיין פֿאָלק איז פֿאַרהאַוועט,
די נויט איז די בייטש איבער זיין רוקן.
שטייסט מיט אַ בליק אַ ווייטן און מיט טיפֿן באַדויער:
זעסט, דיין פֿאָלק פֿאַרקויפֿט „פּיניאַס״, „נאַראַנכאַס״.
געצוקערטע משקה,
נאַשערייען
אין שפּילנדיקע קאָלירן פֿונם רעגנבויגן;
„טאָרטיאַס״,
און „רעפֿרעסקאָס פֿריאָס״.

זיי, די „מאַריאַטשים״, רייסן שטיקער בענקשאַפֿט
פֿון די לייביקע באַנדורעס,
זיי פֿליקן שטיקער האַרץ אויף די סטרונעס —
אַ ברומען, אַ וואויען:
אָ, מ אָ ר ע ל אָ ס ,
מ אָ ר ע ל אָ ס —
מעקסיקאָס זון מיט איר טונקעלן פֿייער;
דו אַליין פֿון נויט אַ פֿאַרשקלאַפֿטער,
האָסט דיין האַרץ געגעבן צושטייער,
דיין פֿאָלק פֿון קייטן באַפֿרייען!

מאָרעלאָס שטייט אין גראַניט איינגעמויערט,
ער שטייט און ער טראַכט און ער טרויערט.

א. ליעסין שלאָפט

פון אַ באַרגשטיין קומט מיר אַנטקעגן אַ באַקאַנט געשטאַלט ;
זיין רונדער קאָפּ מיט דעם פאַרשאַרטן שטערן אין גראַניט איינגעמויערט,
די אויגן, געשלאָסן אין שטיין, מיד פאָרשן מיך,
זיין דיקע אויבערשטע ליפּ צונויפגענומען,
די לייד איינשניטן אַרום זיין מויל גרייכן די קינבאַקן,
ווי אַ שווערער געדאַנק וואָלט געדריקט זיין שלאָף.
עס שלאָפט אין שטיין אברהם ליעסין.

— גוטמאָרגן דיר, אברהם ליעסין,
צי איז טאַקע דיין רו אַזוי טיף ווי דער צער פון דיינע אויגן ?
אַ פאַרגליווערטער ווייטיק אויף דיינע קרומלעכע ליפּן,
דיין שטערן, מיט דורות־שווערע נסיונות באַלאָדן,
דיין לינקע ברעם הויבט זיך אויף אַ ביסעלע העכער,
ווי עס וואָלט דיר דער הימל וואָס זאָגן,
אָדער — די יידישע צרות אויף ד ע ר וועלט שטערן דיין שלאָף ?

— גוטמאָרגן דיר, אברהם ליעסין.
יעדן אינדערפרי קום איך דאָ,
איך היט אָפּ די ליכטיקע שעה,
אָנצוזאָגן דיר די גוטע בשורה:

אונדזערע קדושים, וועלכע דו האָסט נביאיש באַזונגען,
זיינען דאָ אומעטום אַרום אונדז,
אין אונדז, אין אונדזער טרער;
זיי ווייטיקן מיט אין אונדזער ירידה,
און פיבערן מיט אין אונדזער באַגער,
זיי פרייען זיך מיט אונדזער פרייד,
און רוישן אין די פאַלדן פון אונדזער קלייד.

זיי זיצען ביי אונדזערע טישן,
זיי זינגען אונדזערע זמירות
און זיינען מחדש די לבנה
מיט אַ ניגון פון קידוש השם.
זיי שמאַיען אין אונדזער אינדערוואָכן,
זיי זיינען מתפּלל מיט דעם אַלטן בטחון,
זיי זיינען פול מיט פאַרגעבונג צום בורא
און שרייען אוים „שמע ישראל” נאָך איצטער אָן מורא.

— אַ גוטמאָרגן דיר, אברהם ליעסין.
ביינאַכט האָט דער ווינט געריסן דיביימער פון וואָרצל,
אַ רעגן האָט געוואַשן דיין פּנים,
איצט באָדט זיך די זון אין דעם בלויען פרימאָרגן,
וואָס האַלטסטו אין דיין שמייכל פאַרבאָרגן?
איך זע אויף דיינע שטיינערנע אויגן
קומט אויף דער גנאָד
פון צוגעזאָגטן רעגנבויגן.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ה. רויזענבלאַט

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט,
זאָלסט דורך יסורים באַהעפטן זיך מיט גאָט,
אים צוטראָגן זיינס וואָס אים קומט,
און ער זאָל געבן דיר צוריק —
געשענקטע יאָרן
צו שמידן, מיטן פייער פון דיין געמיט,
דיין, אין יונגשאַפט, אויפגעלויכטן ליד.

אַט זיץ איך אַנטקעגן דיר,
די זון פֿאַרגייט,
אירע לעצטע שטראַלן וואַרפֿט זי אויף דיין וואַנט,
איך בין איבערפֿולט מיט דיין געשטאַלט.
ווי פֿרילינג-טוי
דאָס שפּיל פֿון דיינע אויגן בלוי,
מיט קינדערשער עניוות דיין פּנים שטראַלט.

בעל-חלומות ליכטיקער, שטייג-אויף
צו דער הויך, וואָס שעמערירט מיט גאָלד-געוועבטן-טרוים,
ס'איז אומעטום דיין וואָרט,
דיין קלוגער צער,
דיין שמייכל,
וואָס שפּילט זיך קינדיש אין דיין אויג.

אַט זע,
דער אײלבירטבוים, זיין רוקן איינגעדרייט מיט סענקעוואַטע קנאָכן,
שלאָגט, מיט לייביקער עקשנות,
זיינע וואָרצלען טיף
אין דיין דיכטער-ערד.

דו ביסט ווי אַן אויפֿגעבליטער בוים,
דיין ליד צעבליט זיך
מיט האָניקבעכערלעך פֿון דיין צעשטראַלטן טרוים.

וויל דוראַנט

דער דיכטער־פילאָזאָף

דער בעל-חלומות שמייכלט מיט הכנעה,
מיט פייער לויכטן זיינע אויגן די בלויע,
זיין דמיון פיבערט א חלום אָן אַלטן.

עס טוט דער בעל־חלומות זיינע אויגן פארמאכן,
ער ראנגלט זיך מיט גורל, מיט יאוש, מיט צווייפל;
ער שטרעקט זיין האנט צו געשטאַלטן פון ווייטע דורות —
ער שטעלט זיי אוים אין פייער פון זייער געווים.

ביי זיין ארבעט זיצט דער בעל־חלומות אין א שאָקל-שטול,
קאַמפן פון דורות וויגן-זיך-מיט היין-און-הער —
יאָרהונדערטער מיט זייערע בלוטיקע מעשים
שפּאַנען פארביי אים דורך זיין גייסט.

ער וועקט דעם צעפּאַלענעם חלום פון נעכטן,
דאָס געווויסן פון וועלט און פון מענטש;
דאָס לעכצן נאָך מאַכט און נאָך ליבע,
דעם אייביקן צאָרן פון הונגער.

אין מחשבה מעסט מעשים פארצייטיקע דער בעל־חלומות,
זיין קאָפּ, ווי שניי פון דעם חרמון,
מיט פייער פון ליד אין זיין הארצן
באַזינגט ער פארגאנגענע דורות.

פון פארגעסנקייט ברענגט ער צוריק דעם מענטש מיט זיינע מחשבות,
שיין איז דער מענטש און שיין איז זיין בראשית.

וויל דוראַנט טראכט און עס לויכט זיין עניוות,
ער גרייכט אין זיין דמיון ביז צום זיבעטן הימל,
און זיין ווייסער קאָפּ ליכטיקט צווישן די שטערן.

מאַרק שאַגאַל

ער איז אַנדערש —
פלאַמיק ברענט אַ רויט מענטעלע ביי אים,
מיט צעשויבערטע גריוועס שפרינגען יידישע לייבן,
זייערע גריוועס פון גילדערנע פעדים אויסגעהאַפטן, און אַט —
אַ גרינער ייד, איינגעקלאַמערט
מיט זיינע רמח-אברים אין אַ ספר-תורה!

דער ייד איז איינס מיט זיין ספר-תורה,
לופטיק שפּאַנט ער איבער פאַרשנייעטע פעלדער,
איבער דערפער
פון פּויערשע הייזקעס.
זיין קאָפּ צום הימל געשטרעקט,
זיין שמייכל — צו גאָט; זיין נשמה — אַ פלאַטערנדיקע פאָן!

דעם הימל אַנטקעגן טראָגט ער די תורה מיט די צען געבאָטן —
אַ מתנה ברענגט ער עס גאָט!
הענט איינגעדאַרטע, איינגעקלאַמערטע,
ווי מיט בטחון די רצועות ארומגעוויקלטע,
האַלטן דעם ספר צוגעדריקט צום האַרצן.

מיט גרויע-וואָך און דלות-זאָרג פלאַטערט זיין פּאָלע;
ער קאָן זיין: אַ טאַטע, אַ פעטער, אַ סוחר,
אַ שוסטער, אַ שמש, אַ שמיד . . .
ער טראָגט זיין איבערגעניצעוועטן קאַפּטן מיט עקשנות, מיט דאגה —
און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק פון אמונה,
האָט שאַגאַל זיין גרינעם ייד.

בערטע קלינג

מיט דיין זאַלץ און ברויט האָסטו אויפגענומען יעדערנס קומען,
פון וועג פול שטויב און דערנער;
ווי עס נעמט אויף דאָס פעלד מיט איר זאַפט די קערנער.

פאַר אורחים אַ טיש געדעקט מיט „ראַזשינקעס און מאַנדלען",
די גוטסקייט פון דיין האַרץ ווי גוטן ווייַן געשטעלט,
כדי זייער טרויער אין שמחה צו פאַרוואַנדלען.

דיינע הענט ווי אָנגעגרייט צום ליכט־בענטשן,
האָבן זיך געצונדן פאַר יעדערנס וויי.

דיין שאָטן איבער טעפּ האָט זיך רחמים'דיק געוויגט,
באַטעמט צו מאַכן די געקעכצן,
עס זאָל זיי וואויל־באַקומען, דיינע געסט.

מיט אַ צעפלאַגט געמיט,
אין אַ שלאַקס־רעגן און אָסיען־ווינט,
ביסטו דעם אָרון פון דער עלנטער נעגערמיידל —
וואָס האָט ביי דיר אַמאָל געדינט — נאָכגעגאַנגען.

דאָס לעבן צאָלט דיר מיט הוילן צער,
און דו צאָלסט עס אָפּ —
מיטן געזאַנג פון דיין האַרצן,
און מיט דיין ליד פון מענטשן־ליבע.

מאַקס באַנד

א) נח׳ס טויב

די טויב מיט אַ גרינעם איילבירט־בלעטל אין שנאָבל,
ברענגט די בשורה פון זון און ערד;
דער רעגנבויגן לויכט מיט א האָפן:
דער הימל שמייכלט אַ שלום עליכם.
די ערד קוועלט מיט עליכם שלום.

נח, גאָטס דערוויילטער, שמייכלט ווי אַ קינד, צום רעגנבויגן,
ער שטייט פאַר זיין גאָט אָן בהלה אין האַרצן און אָן מהומה;
איינס־ביי־איינס לאָזט ער פון דער תיבה אַרויס גאָטס ברואים,
קוקנדיק אויפן רעגנבויגן — די מחילה פון גאָט צום מענטש...

— **פרו ורבו**, פרוכפּערט אייך און מערט אייך, קינדער יידישע,
גאָט וויל אַזוי — שעמערירט דער רעגנבויגן...

ב) צפת

צפת שלאָפט אונטער אַ ווייס־גרויען נעפּל,
די שטיבער, ווי צעשראָקענע לעמער, לויפן באַרג־אַראָפּ;
דער איילבירטן־וואַלד, ווי באַזילבערט, שעמערירט,
נאַכט און טאָג גיבן זיך דאָ אָפּ שלום.

אַ ייד רופט אויפשטיין צו חצות;
ער שפּאַלט אין שלאָף דעם יידישן חלום,
אַ ווידערקול קלינגט אָפּ:
„בית יעקב לכו ונלכה . . ."

אַ מאַמע פירט צוויי יינגלעך אין חדר אַריין,
די פּאה׳לעך וויגן זיך און זינגען שירה צו גאָט־ברוך־הוא.
און אַריבער די אַקסלען פון די בערג,
ווי אַ שומר מיט זיין בלוי אויג, טשאַטעוועט די כנרת.

ג) י ר ו ש ל י ם

אין ווייסן געהילט, ווי אַ כלה, לויכט ירושלים,
די בערג פון יהודה היטן איר מיידלשן חלום.
מיט אַ הימל־ווייטקייט רעדט די שעה פון מנחה־מעריב,
אַ שטילע רו שעמערירט איבער דעכער.

פון אונטער אַ גרינלעכן באַרג ווייזט זיך אַ וואָלקן,
דער כותל מערבי אייביקט אין זיין חורבן,
דער שער־הרחמים וואַרט זיך צו עפענען —
משיח זאָל אויף זיין ווייסן אייזל זיך באַווייזן.

דער בין־השמשות גליט מיט ישעיה׳ס נבואות:
פעלקער ציען ווי שטראָמיקע טייכן,
הייסע ווינטן גליען ווי קוילן פון שקיעה,
זיי זאָלן איבערשמידן די שווערדן אויף אַקעראייזנס . . .

ירושלים מאַכט צו אירע אָוונט־אויגן,
די בערג פון יהודה היטן איר מיידלשן חלום.

ד) אַ טעלער פּרוכט

וויינטרויבן, גרין־גרויע און שוואַרצע, בליאַסקען ווי יידישע אויגן.
דער געלער אתרוג שמעקט מיט סוכה־סכך און אָסיען־רעגן.
דער פּיטום ביים אתרוג נעמט זיך איבער,
ווי אַ בן־יחיד ביי דער ברוסט פון זיין מאַמען.

עפּל, מיט גרויען טוי אויף די גרינע באַקן,
קוועלן־אָן מיט האָניק־ריח און רייפן זומער.
אַן אויפגעשפּאָלטענער מילגרוים איז רויט־אויסגעשטערנט
מיט זיינע קערנדלעך,
ווי ער וואָלט קידוש־מאַכן איבער זיין אייגענעם וויין.

איבער אָט־דעם אַלעם,
שוועבט גאָטס־ברכה :
בורא פּרי העץ !

אין די שטראַלן פון דער זון

אַ פ ש ו ט ש ט י ק ל א י י ז ן

דאָס אָנגעגליטע שטיקל אייזן,
ברענט ווי די זון אין מדבר ;
בליט ווי אַ קאַקטוס-בלום,
און ווי די פאַרביקע שטיינער אַרום,
אין די שטראַלן פון זון.
מיין איינפאַך שטיקל אייזן —
וואָס אַזוינס לערן איך דערפון?
בלוט איז פייער פון לעבן.
זון איז דאָס לעבן אַליין.
אַ גראָז מיט זיין גרינעם שטרעבן,
איז אַ שיינקייט פאַר זיך אַליין.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

קאַליפאָרניע

א

צווישן שטיין און זאַמד דאָ בליט די ברכה,
פולע בריסטן איז די באַרוישטע ערד;
עס שמעקט מיט מירט און פייגנבלעטער,
דאָ איז אַלץ ווי אַ צויבער־מעשהלע פאַרקלערט.

אין אַ „זיידן העמדל" געבוירן איז קאַליפאָרניע דאָס לאַנד,
איר ערד — אַ גוטע מאַמע, גיביק און געראָטן;
וואו דו טוסט אַ קוק איז דאָ איר גנאָדיקע האַנט,
וויינטרויבן אין איר זאַמד און בלעטערדיק איר שאָטן.

ווי דערוואַכט פון אַ לאַנגן כישוף־שלאָף,
שפּאַרט דער פרילינג דאָ אין גרינעם בלאַט;
שוין בליט דער אָנהייב פון דעם אָפּגעבליטן סוף,
מיט זון און ראָסע איז יעדער גאָרטן זאַט.

אַ יונגער רעגן פאַלט,
אין בלויע טענער שפּראָצט דאָ בלאַט נאָך בלאַט ;
דער פרילינג עפנט זיינע גרינע ליפּן,
און קושט דעם ווינטער־חודש שבט.

אַ בליענדיקע שעמערירנדיקע רחבות —
בערג, ווי שומרים ליכטיקע אומעטום ;
די שאָטנס שפּאַנען טריט־אין־טריט אין זון,
די ווילדע יוקאַס פילן־אָן מיט בשמים דעם אַרום.

און אָט, דאָס שווינדל־פויגעלע,
מיט זיין פלאַטערנדיקן זשום ;
מיט זיין לאַנגן דינעם שנעבעלע —
זייגט האָניק פון אַ בעכערל אין בלום.

אין זונענשטראַלן טובל׳ט זיך דער טאָג,
מיט סאַמעט־ווייכקייט גלעטן די פאַרנאַכטן ;
אַ ווינט גיט צווישן די פאַלמען־ביימער זיך אַ טראָג,
און צעשויבערט זייער אָוונטדיקן טראַכטן.

אַ הייסע שושקעריי פון יונגער ליבע
שוועבט פאַרשייט און ליבלעך־זיס פאַרביי ;
די זון צעשפּילט זיך אין אַ טראָפּן טוי,
ביימער ריידן מיט אַ פייגל־פּלאַפּלעריי.

אין דיינע בערגיקע און טאָלנדיקע ערטער,
דיין שיינקייט קוועלט און טוט פאַר גאָט זיך פּיעסטען ;
אייביקער זומער איז דיין באַשערטער,
קאַליפאָרניעלאַנד — נאָר חלומות קענען זיך מיט דיר פאַרמעסטן !

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

זומער־לעב

ב

די זון גייט־אויף אין אַ טראָפּן טוי,
צעפּעדערט וויגן זיך לולב־בלעטער;
עס טראָגט זיך מיט אַ זשום פאַרביי אַ געלע בין,
דער האָניסאַקל וויקלט זיך אין מאָרגנבלוי,
מיט האָניק אָטעמט דער זשאַסמין,
מיט פורפלגאָלד די באָגענווילע קלעטערט —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

עס רייסט זיך שטיל צום הימל אַ רויטע בלום,
דאָס צינגעלע אין בעכער, טאַנצט אין ווינט;
זוניק ווינקט און שפּילט אַ גאָלדענער זאַנג,
אין כוואַליעדיקן אויפלויכט פון דער זון,
אין אַ טויאיקן אינדערפרי —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

דער טאָג איז גאָלדיק און גרין זיינען בלעטער,
זיס איז דאָס וואַרקען פון דער ווילדער טויב;
אין פאַרוויקלטן בלאַט טוליעט זיך די פרייד פון שפּעטער,
און גרין איז דער בטחון אין מיין שויב —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

מיט ווייסע מאַגנאָליע־פּאָמפּאָנעם בליט דער חודש שבט,
אַ גאָלדן זשוקל ווינקט צו מיר זיינע הערנער־אויגן;
משה רבינום בהמה'לע חלומט אויף אַ גרינעם בלאַט,
רעגנוואָלקן זיינען ווי פייגל אָנגעפלויגן —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

אַ בערגעלע גרינט־אויף אין גרויען זאַמד,
פון רעגן איז באַרוישט דער דרויסן;
די ביימער מיט רעגן אָנגעטרונקען און פאַרקלערט,
די ערד־ריחות אָטעמען אַזוי ווייניק,
דאָס גראָז פון נאַסן ווינט געשאָקלט גערט
און קוועלט אין גרינעם תענוג —
וואַך־אויף, מיין האַרץ, וואַך־אויף און זינג!

י ם

ג

מיין האַרץ איז באַרוישט פון דיין גבורה,
מיין האַרץ איז באַרוישט פון דיין שפּיל;
צום טאַקט פון דיין שטורעם־אָרקעסטער,
ברויזטו ליידנשאַפטלעך מיט געטלעכן געפיל.

דיינע כוואַליעס, ווי צערייצטע לייבן,
מיט שוימענדיקע גריוועס שפּרינגען צום ברעג;
ווי דונערן הילכן־אָפּ זייערע געברומען,
און פאַרגייען אויף זייער אויפגעברויזטן וועג.

אַ כאַפּטע פעליקאַנען פון ווייטן אָנגעפלויגן,
הונגעריק און שאַרף, מיט זשעדנעקייט אין בליק;
זייערע פליגלען — זעגלען אָנגעצויגענע
אונטערן הימל — אַ פליענדיקע בריק.

זייערע שנאָבלען — פּיילן, זייערע אויגן נישטערן
צו געפינען אַפּפאַל פון אַ דערבייאיקע שיף;
זייער לייב בויגיק, פול חיה׳שע עקשנות
אַנטקעגן בייזן ים און זיין אומענדלעכער טיף.

די ים־פייגלען טראָגן זיך און רופן שאַרף זיך איבער,
זייערע קולות פול מיט ווילדן פרייהייט־רוף;
אַט ווערן זיי פאַרלאָרן אין צעכוואַליעטע וואַסערגריבער,
און אַט לויכט־אויף אין זון זייער פליגלדיקער גוף.

די פוכיקע וואָלקנס פול ווינט און ווייטקייט,
קומען אָן און יאָגן זיך ווי אַ סטאַדע גענדז;
די זון פאַרגייט אַהינטער זיי פאַמעלעך
און באַצירט מיט פורפור זייערע ווייסע פרענז.

ה י י ס ע ק ו ו אַ ל ן

ד

מען קומט צו דיר אַהער פון אומעטום,
מיט צעדרייטע גופים און מיט קראַנקע ביינער;
עס שטראָמט דער קוואַל פון דיינע בערג אַרום,
אַ היילונג שלאָגט פון דיינע שטיינער.

די בלאָטע פון דיין ערד און רויען שטיין,
איז באַלעבט מיט גרויער מדבר-שיינקייט;
צו דיינע טיפעניש, נישט צו דערגיין,
הייליק, וואַסערדיקע ריינקייט.

דער קאַליקע מיט קרומע, קראַנקע גלידער,
דעם לאָמען טראָגט מען אויף די הענט;
די האָפענונג גייט-אויף דאָ ווידער,
אין דעם שאָטן פון דיינע ווייסע ווענט.

אַ פאַרלאָרענער קומט יעדערער מיט זיינע וואונדן,
מיט צאַרטער האָפענונג אין זיין בליק;
ער קוקט: צי איז דער מום פאַרשוואונדן,
צי וועט ער קענען גיין געזונט צוריק? . . .

אַ פאַרנאַכט אין מדבר

א

די זון פאַרגייט איבער דיינע צעכוואַליעטע זאַמדן,
עס גיבן זיך די הענט באַרג און טאָל;
עס בלאַנדזשעט דיין בליק מיט אַ דורשטיקן קוקן,
מיט וואַסער־הונגער שרייט דיין ווידערקול.

דיינע פעלזן אַרום דעמערן ווי אָנגעגליטער קופּער,
יעדער באַרג צום אָוונט־שאָטן הערט זיך איין;
מיט בין־השמשות פייער ברענט דיין דאָרן־בוים,
עקשנות ברוגזט אין דיין ווילדן שטיין.

איך נעם אַ הויפן זאַמד און לאָז עס מיט די ווינטן,
די אָוונט־זון צעגליט עס אין פּורפּור און אין גאָלד;
אַ הייסער פּחד לויערט אין די בערג אַרום,
ווי אַ שטים צווישן דערנער שעפּטשעט, שעפּטשעט:

— דערקען מיך, דערקען מיך,
ס׳איז פייער אין מיין יעדן דאָרן,
איך ברען מיט ווילדער בענקשאַפט
און ווער אַליין אין מיינע בענקשאַפטן פאַרלאָרן.

ב

עס קומט די נאַכט,
זי מאַכט דיר צו די מידע אויגן;
אַ בלויער אָדלער מיט זיינע רויטע־פורפל פליגל
טוט אַ שאַר מיט אָונט־בענקשאַפט איבער דיר;
אַזוי רוט די נאַכט איבער דיינע גליענדיקע פעלזן
און מיט אירע פליגל פאָכעט, פאָכעט, פאָכעט — — — —

די נאַכט קומט
און וועקט דעם פייער פון דיין טראַכטן,
דער ווינט צעקעמט די זאַמדן פון דיין וויסט;
עס האָבן וואָגלער דאָ,
פאַרכישופט פון דיין שיינקייט,
זייער לעבן פאַרברענט אומזיסט, אומזיסט — — — —

די שטילקייט חלומט,
די שטערן טוקן זיך אין הימל,
אַ ווינטל טוט אַ שפּיל זיך מיט דיין עלנט
און וועקט דעם דורשט פון דיין אויסגעהונגערטן באַגער,
דיין יעדער זעמדעלע שלומערט אין זיין טראַכטן,
און יעדער טראָפּן טוי — אַ צעגליטע טרער.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

דער בעז בליט

דער בעז בליט פּיאָלעט און ווייס,
דער הימל רעדט אויף בלוי-ווייסע שפּראַכן.
דער נעכטן שטייט-אויף אַ צעבליטער
דורך אַלע פאַרגעסענע זאַכן.

עס פרילינגט די ערד ווי צעאַקערט,
גרינט אויף אונטערן בלויען רוים.
די זון — פאַררויטלט, צעפלאַקערט,
שטייט אויף פון איר יונגן טרוים.

מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן
בליט אַן אַלטער עפּל-בוים ;
און פון אַהינטער זיינע פּלייצעס
שמייכלט יונג אַ פלוימען-בוים.

דער שטיין, מיט זיין גרינעם מאָך,
אייביקט אין קלוגשאַפט און רו ;
און אין יעדן קערנדל ערד
שטראַלט די ברכה פון גאָט-ברוך-הוא.

אַ בערגל, מיסטיק, פאַרלאָזן,
קוקט נעבעכדיק צום הימל-בלוי ;
אויף זיין בליק באַזוימט מיט גראָזן
שעמערירט דער פרילינג-טוי.

און יעדערער מיט זיינע פאַרלאַנגען,
און יעדערער מיט זיין טרוים —
לאָזט אויסרוען זיינע אויגן
אויפן צעבליטן לילא-בוים.

רענטשאָ טענענהאָלץ
מאָנראָוויא, קאַליפאָרניע
פרילינג 1952

ה י מ ל א ו ן ע ר ד

אַ זון מיט אַ רעגן, אַ זון מיט אַ רעגן,
די ערד — ווי אַ פֿאַרשמאַכטע כלה געלעגן.

מיט דורשט און מיט בענקשאַפֿט אין די ליימיקע ריפּן,
געעפֿנט צום הימל די טרוקענע ליפּן.

קומען וואָלקנס אויף פֿערד אָנצורייטן,
שאָקלען זיך גריוועס אויף אַלע זייטן.

און אָט איז אַ וואָלקן, פֿון אַ דונער צעזונגען,
האָט פּלוצלונג די גאָלדענע זון פֿאַרשלונגען.

צעלייגט ער זיך ברייט אין אַ בלייענע כמאַרע —
און ווי פּאַר אַ חתן מאַכט דער הימל אַ וואַרע.

און ער, מיט שווערע פֿאַרכמורעטע ברעמען,
לאָזט זיך אַראָפּ זיין כלה־ערד נעמען . . .

אַ זון מיט אַ רעגן, אַ זון מיט אַ רעגן —
אַ גאַנצע קאַפּעליע רייט אָן אַנטקעגן:

אַ פּייקלער, אַ פידלער, אַ רימפּער, אַ באַס —
ס'איז גאָרניט קיין שפּאַס, ס'איז גאָרניט קיין שפּאַס!

מיט אויפגעבלאָזענע באַקן בומט דער פּויקער,
אויף זיין רוקן — אַ גרויסער וואַסער־הויקער;

ער טוט אַ קנאַק אין זיין רעכטער באַק —
און ס'טאַנצט שוין אַ רעגן יונג און געשמאַק;

דער רימפּער, מיט זיין באַסאָוון סמיק —
ציט פון באַנדורע וואַסער־שטריק;

ער טוט מיטן סמיק אַ פיר איבערן באַס —
און עס באָדט זיך אין רעגן די טרוקענע גאַס!

דער פידלער, מיט ווינט אין זיין דינעם גוף,
שיקט אַראָפּ צו דער ערד אַ הילכיקן רוף;

שוועבן־אָן וואָלקנדלעך ווייס ווי שניי,
ווי פּוכיקע מעוון, אַזוי פליען זיי.

גיט דער פידלער מיטן סמיק אויף אַ וואָלקן אַ פיר,
און אָט ווערט אין הימל אַ זוניקע טיר;

פון טיר גייט אַ פריילעכער רעגנבויגן אַרויס,
אַ ליכטיקע בשורה קרייט ער אויס.

מיט אַ בלויען אויג קוקט דער הימל אַראָפּ,
אויף דעם אויסגעצוואָגענעם ערדישן קאָפּ . . .

אַ זון מיט אַ רעגן, אַ זון מיט אַ רעגן —
אַ צעבליטע ערד פאַר אַלעמענסוועגן!

דער טייך

מיט זיין אָרעם האַלט ער געפאַנגען טאָלן און בערג אין זיין אַרומנעם.
מיט כוואַליעם טראָגט ער דעם פרילינג אין שטראָמיקער גבורה.
ווי א יונגער הערש מיט די הערנער צעשפרייט אַריבער די ברעגעס,
דאָס פנים זיינס קוועלט אַנטקעגן דעם הימל,
די זון פארגייט אין איר פלאַמיקער שיינקייט.

ער טראָגט דעם שטראָם מיט אימפּעט
איבער שטיינער צווישן בערגיקע רוקנס.
אין דער ברייט און אין דער לענג שפּאַנט זיין גבורה
און שמייסט אַ כוואַליע אריבער אַ כוואַליע.

ער נעמט אויף די נאַכט מיט דעם געפלאַטער פון די שטערן,
ער הערט זיך איין, זיין אויער צוגעטוליעט צום צעשראָקענעם ברעג.
געשפּאַנט האַלט ער איין זיין ברויזנדיקן כוח.
די נאַכט שפּאַנט איבער אים אין ווייכע שיכלעך —
זי זוכט אין זיינע שטראָמען אַ בעט פאר זיין געלאַף,
פאר זיין היינט און פארן טרוים פון זיין נעכטן.

מיט פייערדיקע אויגן גייט אום די נאַכט, צינדט די פינסטערניש
פון זיין שטראָמיקן דמיון.
צו דעם געשריי פון די שטערן הויבט זיך זיין האַרץ
און יעדער האַרצקלאַפּ מאַכט האַסטיקער דעם שטראָם.
דער מילכוועג קוקט אַרונטער — אַ ווייסער טייך איבערן נאַכטיקן הימל,
טוקט זיך, אויף-און-אָפּ, אין צעבושעוועטן טייך אויף דער ערד.

עס טוען זיך אַ ריר זיינע אַקסלען, די וואַסער-כוואָליעס
לויפן אין גאַלאָפּ אַריבער זיין אייגענעם רוקן;
די לבנה, מיט איר פול פנים, קומט אַנטקעגן אים, ווי אַ כלה,
זי שמייכלט מיט דעם שמייכל פון אייביקער קלוגשאַפט —
די סודות פון אויבערשטע וועלטן איז זי אים מגלה...

אין וואַלד

עס טוליען זיך דיביימער אין איין גרינעם געפלאַטער,
צווייג־מיט־צווייג איינגעפלאָכטן, איינגעקלאַמערט, איינגעוועבט ;
די בלעטער, קוים וואָס זיי באַוועגן זיך —
אַ שטילקייט און אַ טראַכטן פאַר אַ רעגן . . .

מיט וואַקסן און מיט בליען רעדט די נשמה פון וואַלד,
מיט גרינעם שאָטן, מיט מאָכיקע וואָרצלען און מיט יונגער ליבע — — —
איך שפּאַן צווישן ביימער אין דער צעצונדענער שקיעה,
דעם אָטעם האַלט איין דער וואַלד ווי פאַר אַ שטורם.

ווי אַ ווייטער וואַסער־געמורמל איז די שטילקייט פון וואַלד.
מיט געטלעכן כוח קוועלט פון דער ערד אַן אייביקע בענקשאַפט.
מיין האַרץ איז באַרוישט מיטן גרינעם געפלאַטער פונם וואַלד,
אָט באַלד וועט אַ גוס־רעגן זיך צעטאַנצן...

אומענדלעך אין דער בענקשאַפט איז יעדע רגע וואַרטן,
דאָס האַרץ איז אייביק דאָס געשפּיל פונם גאָרטן — — —
אַלץ איז דאָ באַרוישט מיט אַ רעגן־געפלוידער ;
אין די נאַסע בלעטער פרעפּלט אַ גרינער געסודער . . .

אַ פלאַמינגאָ

אַ פלאַמינגאָ שטייט אויף איין פוס,
מיט איין בלויען אויג צום הימל.
אָט נעמען זיינע רויטלעכע פליגל פּאַטשן אין ווינט,
ער טוט אַ שאַרפן קוק אויף מיר מיט זיין רעכטן אויגל,
ער מיינט, אודאי, זאָגן:

— כאַפּ דיך אַרויף, געשווינד,
דער וואָלקן איז הויך,
דער הימל, נאָך העכער,
לאָמיר פליען צו דעם אויבערשטן גן־עדן,
און אפשר, אַ ביסעלע העכער . . .

האָט זיך מיין בענקשאַפט געפעדערט —
איך טו און איך פּאָלג.
איך נעם פאַנאַנדער גדר־נאָך־גדר —
איך בין מוחל
די היימישע קישן —
און זאָל עס זיין געפּאַר אַ שטרויכל נאָך אַ שטרויכל.

דער קאָפּ אין די וואָלקנס,
איבער בערג און פאַרשנייעטע ווייטן,
איבער הימלשע וועלדער און סעדער,
איבער פאַרכישופטע טאָלן און ווייטע פאַרצייטן,
און אָט טוט דער פלאַמינגאָ אַ זעץ זיך אַראָפּ
אויף אַ צעדער . . .

און ווידער טוט דער פלאַמינגאָ מיט זיין אויגל אַ פינטל:
— נו, וואָס? געפעלט דיר דער אויבערשטער ווינטל?

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אויף אַ לאָנקע

אַ קו אַ מאַמע מיט אַ פולן אָנגעפולטן אייטער,
שטייט רואיק און מעלה־גרהט;
מיט טיפער בהמהשער הנאה
שטילט זי דעם הונגער פון איר קינד.

איר קעלבל זייגט פון איר מילך־צעשפּאַרטן אייטער;
דער הימל מיט זיין בלויקייט קוועלט־אָן;
די וואָלקנס מיט זייערע צעשויבערטע גריוועס
יאָגן נאָך דעם זומערדיקן ווינט . . .

דאָס קעלבל, זאַט און פריילעך טאַנצט, באַבריקעוועט
איבער דער גראָזיקער לאָנקע אַרום,
די מאַמע־קו קוועלט־אָן און האָט הנאה
און טוט פאַר נחת אַ צופרידענעם „מ ה ו ו ו . . .״

די וואָלקנס, מיט זייערע צעשויבערטע גריוועס,
יאָגן ווי סטאַדעס פונם זומערדיקן ווינט . . .

אַזוי פשוט צו פאַרשטיין

געלעכטער ברענגט געלעכטער,
געוויין ברענגט געוויין;
דוכט זיך אַזוי פּראָסט,
אַזוי פשוט צו פאַרשטיין...

אָבער האַרץ איז האַרץ,
און דאָס בלוט וויל ניט באַנעמען;
דערפאַר האָט דער איינזאַמער מענטש
צוגעטראַכט פאַרן טרויער אַזויפיל נעמען...

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אין האַרבסט

איך גיי אַרום אינם האַרבסטיקן וואַלד,
איך באַריר שטאַם נאָך שטאַם.
די זון האָט זיך ערשט אויסגעבאָדן
אין אַ גאָלדענעם בלעטער־ים.

דער וואַלד איז פול ליכט און גערוישן,
די ערד הערט זיך איין וואָס ע ר זאָגט.
דאָס האַרבסטיקע גאָלד פון די צווייגן,
אַ שטיפעריש ווינטל צעטראָגט.

ל י ד ע ר

ס'איז ווילד דאָס געשריי פון די ענטלעך,
און ווייט איז דאָס הירזשען פון פערד;
מיט פעלד און מיט וואַלד און מיט האַרבסטיקער שפּע,
ליגט דער הימל צעפּוסנס דער ערד.

דער האַרבסט-ווינט יאָגט זיך נאָך די בלעטער
און וואַרפט זיי צוריק צו דער ערד.
און אַט, אין אַ רגע שפּעטער,
שטייט שוין נאַקעט דער בוים און ער קלערט:

„דער זומער האָט זיך געשפּילט אַ פאַרשייטער,
„מיט מיין גרינעם בלעטער-קלייד.
„און פאַרליבטע, מיינע אייביקע באַגלייטער,
„האָבן זיך געשפּילט מיט צעצונדענער פרייד.

„איצט איז דער הימל מיט וואָלקן פאַרצויגן,
„עס פליקט מיינע בלעטער דער ווינט
„אין טרוקענעם רויש — און געשווינד
„מיינע גרינע חלומות פאַרפלויגן."

אַזוי גיי איך אין וואַלדיקן שאָטן,
אַזוי באַריר איך שטאַם נאָך שטאַם.
די זון האָט זיך דאָ ערשט אויסגעבאָדן
אין אַ גאָלדענעם בלעטער-ים.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

אַ מעשה

פאַלט, ליבע שנייעלעך, פאַלט,
סיי־ווי איז דער טרויער שוין אַלט.

איר פאַלט מיט אַ פוכיקער רו,
מיט דער ברכה פון גאָט ברוך־הוא.

אויף די פעלדער פּראָסטיקער גלי,
אַ מעשה, ווי ניט פון דאָ הי.

אַ ווייסער געפרוירענער וואַלד,
מיט אַ קאַלטן פייער צעשטראַלט.

עס פלעכטן די האָריקע צווייגן,
אַ מעשה פון וואַלדיקן שווייגן;

אין טיפע שנייען די שטאַמען,
די קוסטעס אין פּראָסטיקע פלאַמען.

די ערד — אַ חלום אַ ווייסער,
אַ קינדערשע, ליכטיקע מעשה.

פאַלט, ליבע שנייעלעך, פאַלט,
סיי־ווי איז דער טרויער שוין אַלט.

אָפּקלאַנגען

דער אויסגעחלומטער טויער

— פֿונוואַנען, איר וואָגלער, פֿונוואַנען,
פֿון פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט?
— מיר קומען פֿון אַ פֿאָלקס-עקידה,
מיט אימפּעט פֿון פֿייער געבראַכט.

דער היימלאָזער מיט זיין חלום,
דער בלינדער מיט זיין וויי.
אויף פֿליגלען פֿון ווינט און אַש,
פֿון אומעטום קומען זיי.

פון אַלע פאַרוואָרפענע ערטער,
פון קנעכטשאַפט, פון שאַנד און פון שווערד;
ווי אַ פאַרליבטער צו זיין באַשערטער
אַזוי פאַלן־זיי־צו צו קושן די ערד.

אויך אליהו הנביא קומט־צו־רייטן
אויף זיין ווייסן געפליגלטן פערד! . . .
אַ לעגענדע, אַ בלויע, פון פאַרצייטן,
וואָס האָט, אַמאָל, באַלויכטן די ערד.

ער טראָגט אָן מיט זיך די נבואה:
„אחרי חושך יבוא אור" —
און יעדער פאַרגעסענער חלום
לויכט לעבעדיק אויף אויף דער וואָר.

פאַרוויאַנעטע גראָז הייבט אָן בליען,
און דער זאַמד פון מדבר קוועלט.
אליהו טוט זיך פאַר יעדערן מיען —
פאַלט זיין ברכה אויף יעדן געצעלט.

די גאולה קומט אָן מיט געפלאַטער,
מיט רעגן אויף באָרוועסע פיס . . .
פאַרוואונדיקט און פאַרמאַטערט,
בענטשן אלע ז י י ן קוואַל — אַזוי זיס.

אָ, אויסגעחלומטער טויער, בלייב אָפן,
ווי די טירן פסח ביינאַכט.
— מיר קומען מיט אַ נייעם האָפן,
דורך אַש און פייער געבראַכט!

אַמעריקע

א

אַמעריקע, געטרייע היים פון אַלע יידישע גלותן.
ווי אַ מאַמע האָסטו אויפגענומען אונדזער געשריי.
מיט האַרצקלעמעניש האָבן מיר פאַרלאָזן אונדזער היים, אונדזער וויג,
דער באָבעס „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״
און דעם זיידנס מעלה-גרה׳דיקע ציג.
פאַר אונדזער עלנט, הונגער און טרויער,
האָסטו געעפנט דיינע שפייכלער מיט דיין שפע.
געלאַכט האָט די געזונטקייט פון דיינע געשמאַקע עפּל
און דער פאַרוויקלטער סוד אין דיין קרויט.

אַמעריקע,
געעפנט האָבן דיינע הענט געבענטשטע, ברייט דעם טויער,
פאַרבעטן מיט אַ פולן האַרצן:
— „געטריבענע פון היים, פון פעלד, פון טייך,
איך נעם אייך אויף ווי אייגענע, אַלע גלייך!
קומט, גראָבט און אַקערט, שפינט און וועבט,
קומט, יעדערער מיט זיין חלום,
יעדערער מיט זיין טרער,
יעדערער מיטן פייער פון זיין באַגער —
צעשפּרייט אייך איבער פעלד און וואַלד,
איבער אָזערעס און ים׳ען!

איר, פון אַלע ערדן, איר, פון אַלע שטאַמען,
קומט, בויט מיט דער עקשנות פונם לעבן,
בויט מיט דעם שוואונג פונם אָדלער,
וואָס שפּרייט זיינע פליגל קעגן פעלז און ים;
פאַרנעמט דעם סוד פון מיינע בערג,
דעם יונגן שפּיל פון מיינע טייכן —
האָדעוועט די ערד מיטן פייער פון אייער האַרצן
און מאַכט די ברכה:
בורא פּרי האדמה . . ."

ב

איך האָב דיך ליב, אַמעריקע,
געקומען בין איך צו דיינע ברעגעס, אַ זעמדעלע צווישן זאַמדן,
די הימלען דיינע, זאַט מיט גבורה, ברייט צעוואָרפן
אַריבער דיינע רחבותדיקע שטרעקעס.
דיין ערד, פול־לייביק און ברייט־אַקסלדיק;
סטעפּן, בערג און בליענדיקע טאָלן.
דיינע וועלדער — ברייטשטאַמיק, דיקאָרעמדיק.
ווילדע ווינטן באָרען זיך מיט אַלטע ביימער;
אין זייערע וואָרצלען, די אייביקייט באַהאַלטן זיי,
זיי שטייען פון יאָרן צעשטראַלטע.

איך האָב דיך ליב, אמעריקע,
ביסט אַ מכנים־אורח'טע מיט אַ ברייטן פאַרטעך,
האָסט פאַרבעטן צו דיין טיש די היימלאָזע פון אַלע וועלטן.
געפאַלענע, צעטראָטענע, אָרימע און עלנטע,
יעדערער האָט געפונען אַ שטיין, אָנצושפּאַרן זיין פאַרבענקטן קאָפּ,
יעדערנס האַרץ געוואָרן איז אַ לייטער מיט אַ ניי האָפן!

איך האָב דיך ליב,
דיין פּראָסטע פרייד,
דיין האָרעפּאַשנע האַנט,
דיין געזונט לאַכן,
אויך דיין ווייס-ברויט,
וואָס דערקוויקט אין אַ פּראָסטן אינדערוואָכן.

אַמעריקע,
עס בליט דיין ערד מיט האָניק-פרייד אין פייער פון באַגינען,
דיין גראָז — גרין, דיין עפּל — מיט זון און מיט ערד —
פאַלט זאַט אין שאָטן פון דיין בוים.
דעם פויגלס פלי,
די זון אין אָוונטדיקן-גלי,
צעקלינגט ווי אַ גלאָק אין הימל,
אַלץ גייט-אויף ווי אין נעפּל פון אַ דרימל.

ג

ניט אין שאַרף פון שווערד וויל איך זען דיין שטאַרקייט,
אַ מ ע ר י ק ע.
אויף דיין ערד האָט אונדזער בלוט מיט נבואה געברענט,
מיט ציגל, מיט ליים, מיט שטיין, מיט גראַניט, מיט צעמענט
האָבן מיר דאָ געהאָדעוועט אונדזער לעבן.
מיר האָבן דאָ געוועבט, געשפּונען,
איינגעפלאָכטן, איינגערידלט, איינגעקנאָטן, איינגעהאַמערט,
דעם אַלטן ניגון פון אונדזער שטאַם.
ביים אייזן, ביים נאָדל און ביי דער שער,
אינאיינעם מיט דער דלאָטע, דעם האַמער, דעם הובל און די זעג,
האָבן מיר ביי דיינע שוועלן, אויסגעפּיבערט אונדזערע טעג.

ווי די בלעטער פון בוים אין האַרבסטיקן ווינט,
ווי עס קוועלט די ערד מיט דער יאָדרע אינם זאָמען,
האָבן מיר אונדזער פּנים אין דיין ערד איינגעאַקערט,
מיר האָבן זיך געשטאַרקט מיט דעם קלאַנג פון דיין נאָמען.

ווי באַלעבט גראָז פונם רעגן,
ווי פולע וואָלקן איבער אַ מדבר,
ווי געוואַנט צום לייב
ווען קעלט עסט זיך איין אין די ביינער,
ווי ברויט — די ברכה פון דער ערד —
איז מיין ליד צו דיר, אַמעריקע.

אַ הײנטיקע מלוה־מלכה

ס׳איז מלוה־מלכה,
דער שבת איז פֿאַרשוואונדן,
די „מלכה" קומט פֿון קאפּעטונדן.

אײנס,
צװײ,
דרײ,
זינג, קאַנאַריקל, זינג!
די פּראָמענאַדע פֿון דער קאָרטן־נאַכט
איז אין פּוילן „סווינג"!

זינג, קאַנאַריקל, זינג;
אַ קאָרט אַרויף,
אַ קאָרט אַראָפּ,
און אָט איז זי די מלכה פּיק מיט דער קרוין אויפֿן קאָפּ!

אײנס,
צװײ,
אײנס,
צװײ,
אײנס, צװײ, דרײ, פֿיר —
און אָט שטײט מלך צלם װי אַ חתן אין טיר:
האָפּ,
האָפּ,

האָפּ,
האָפּ,
אַ „יידישער" מלך מיט אַ פּאַפּירענער קרוין אויפן קאָפּ!
ריטאטא,
ריטאטא,
ריטאטאטא,
זינג, קאַנאַריקל, זינג!
טו אַ פאַרקערעווע דעם מזל־רינג,
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי,
דער וואָס האַלט דעם מלך פּיק איז פון קאַלעמאַי;
ער טוט אַ וואונק מיט זיין כיטרע אויגל,
און פאַרבעט אויף זיין האַנט דעם „גאָלדענעם פויגל";
ער טוט אַ פאַרשפּיץ זיין טונקל בערדל,
און ציט אַרויס פון שייד דאָס פּאַפּירן שווערדל,
ער שמייכלט שעלמיש אין דער וואָנצע:
— מאַי, שמאַי, בראַי,
יאַך קום פון קאַלעמאַי!
חברה לאַיצים, דאָס'אי 'ניש קא קנאָבל,
שפּיעלט, ס'אי „שיפּע דאָבל"!

זינג, קאַנאַריקל, זינג,
די פּראָמענאַדע פון דער קאָרטן־נאַכט
איז אין פולן סווינג!

ה י י ל י ק ע ז אַ כ ן . . .

אנשטאָט קינדערשע לייבעלעך, העמדעלעך, הייזלעך און זעקעלעך,
הענגט ביי מיר אויפן שטריק
אַ יידישע צייטונג;
די אותיות, פון רעגן דורכגעווייקט,
טריקענען זיך.
זי הענגט די צייטונג אינדערהעלפט, ווי צוויי צעפּאַלאָשעטע פליגל;
צווישן הימל און ערד אַ בריק.

די יידישע אותיות וואַרעמען זיך אין דער קאַליפאָרניער זון.
דער הימל קוקט מיט הנאה אַרונטער,
די ערד, שמייכלט צו:
אַזאַ אחדות,
אַזאַ שלווה,
אַזאַ פאַרשייטע רו — — — —

און, אָט איז טאָג-נייעס:

„מען שלאָגט יידן! אַ הייליקע מהומה!"
„מיר גייען אונטער!"
„מיר זינקען אין טומאה!"
„אַ פאַרליבטע פּאָר באַשליסט הייליק צו באַגיין זעלבסטמאָרד!"
„אַ חתן אַנטלויפט פון אונטער דער הייליקער חופּה!"
„אַ שיכור איז זיך הייליק מודה, אַז ער איז דער זון פון גאָט!"

ה י י ל י ק! ה י י ל י ק!!
אַלץ איז הייליק!

ברויט איז הייליק,
מלחמה איז הייליק,
פאָלק איז הייליק,
בלוט איז הייליק,
לייב איז הייליק!
טרערן און טרויער — הייליק!
צער און פרייד — הייליק!
ליבע איז הייליק,
חרטה און מחילה — אַ הייליקער זיווג.
ליידן און יסורים — הייליק!
אלמנה'שאַפט איז הייליק . . .

גאָט, מיין גאָט, איך בין זיך פאַר דיר מתוודה:
אויב לעבן איז הייליק, איז טויט — אודאי און אודאי;
פון זינט דער מענטש עפנט זיינע אויגן ביז ער טוט זיי פאַרמאַכן —
ווי קאָן מען לעבן צווישן אַזויפיל „הייליקע" זאַכן? . . .

בין-השמשות

נו, ציטער, מיין האַרץ, אין אָוונטדיקן טרויער,
טראָג זיך, מיין שאָטן, מיטן קילן ווינט;
דער אָוונט קוקט אין מיין פענצטער אַ בלויער,
ער וויל זען ווי מיין ליד שפּינט זיך און שפּינט.

אַ בין-השמשות-פּורפּור אין די בערג אַרום,
עס לעשט זיך דאָס גראָז אין פאַרנאַכטיקן שווייגן;
די ביימער, מיט זייערע צעוויגטע צווייגן,
שפּרייטן אָוונטדיקע רו אומעטום.

דער הימל טונקלט מיט אָוונט-בענקשאַפט ליד,
אַ שאָרכן צווישן בלעטער, אַ פייגלשער געפּלאַטער;
דעמערונג פאַלט צו דערשעפּט און מיד,
דער טאָג, אַ פאַרגייענדיקער ניגון, פאַרמאַטערט.

דער רעגנפייפער זאָגט אָן אויף רעגן,
פאַר מיין טיר, אַ באָרוועסע, שפּאַנט אום די נאַכט;
דער אָוונטווינט ביי מיין פענצטער, טוט מיך פרעגן:
— וואָס האָסטו אין דיין בענקשאַפט אויסגעטראַכט?

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

מיין ענטפער דעםווינט

לערן מיך, מיין יידיש וואָרט, לערן מיך די עניוות ווייטער טראָגן,
און פאַר דיין אות זיך לאָזן אפילו טרעטן,
די ספקות פון מיין האַרצן, די וואָלקן פינסטערע, טו פאַריאָגן,
גיב חכמה אָט יענע וואָס טוען פון דיר שפּעטן . . .

עס האָבן מיינע נאָענטע געוואָלט מיר „איבערצייגן",
אַז קיין ייד וויל דיך מער „אין מויל ניט נעמען . . ."
דו, מאַמע־יידיש, האָסט געלערנט מיך געדולדיק זיין און שווייגן,
דאָס אייגן האַרץ ניט אָפּצונאַרן און ניט פאַרשעמען.

אין דיין פּנים, מאַמע־יידיש,
האָב איך געלערנט די חכמה פון מיין שטאַם,
אויף דיין מילך האָב איך געמאַכט מיין קידוש,
און בין געשוואומען מיט די כוואַליעס אין דיין ים.

אָ, ליד מיינס, ליד מיינס, בלויער זעגל אָנגעצויגן
קעגן וואָלקן, ווינט, שטורעם און קעגן טרערן,
ווי אַ שוואַלב אירע שוועלבעלעך, האָסטו געעפנט מיר די אויגן,
און מיך דערהויבן ביז צו דעם פייער פון די שטערן.

א י נ ה אַ ל ט

מיין בענקעניש 5
דאַנק צום קאָמיטעט 9
אַ וואָרט פון ז. שניאור 11

מאַמע לשון

מיין יידיש וואָרט 15
אוצר יידיש 18
אַ גרוס, זיידע מענדעלע 22
באַוויז אַ נס 25
ליד מיינס 26
מיין שאָטן און איך 27

דאָס גאָלד פון דיינע אויגן

חלום פרייד 33
יצירה 34
מיין טייערער 35
מיין שיינער חלום 36
איך זוך דיך 37
יהי אור! 39
גאָלדענע שיכעלעך צוויי 41
מיין געליבטער! 42
ביי אַ גלעזל טיי 43
עס איז כדאי 44
דאָס גאָלד פון דיינע אויגן 45

ג ו ר ל

מיין בעסטער פריינט 49
דער זייגער שטייט 51
א תפילה 53
ערד 54
אין שפיטאָל 55

גיב פליגל מיין טרויער ... 59
צו אַ יידישן פליער ... 60
א ניגון ... 62
ביסט דאָ? ... 64
„שי נאָ האי" ... 65

ז כ ר ו ן

אַ קדיש נאָך אונדזערע קדושים ... 69
איך שטעל ליכט ... 71
שבעה ... 72
א חלום ... 74
יזכור ... 76
א מעשה שהיה ... 78
קום, אליהו ... 81

א י י ג נ ס

מיין מאַמע מיט אירע קינדער ... 85
ערב שבת ... 89
שטילע זאָרג ... 91
אַ בלויער ניגון ... 93
דער פיר־יאָריקער ... 94
עמוס, מיין זון ... 95
פון אַ בריוו צו מיין מאַמען ... 97

פּ אָ ר ט ר ע ט ן

בודהא ... 101
מאָנא ליזא ... 103
מאַרעלאָס ... 104
א. ליעסין שלאָפּט ... 106
ה. רויזענבלאַט ... 108
וויל דוראַנט ... 110
מארק שאגאל ... 111
בערטע קלינג ... 112

מאַקס באַנד
א) נח׳ס טויב 113
ב) צפת 114
ג) ירושלים 115
ד) אַ טעלער פרוכט 116

אין די שטראַלן פון דער זון

א פשוט שטיקל אייזן 119
א) קאַליפאָרניע 120
ב) זומער־לעב 122
ג) ים 124
ד) הייסע קוואַלן 125
א) אַ פאַרנאַכט אין מדבר 126
ב) ״ ״ 127
דער בעז בליט 128
הימל און ערד 129
דער טייך 131
אין וואלד 132
א פלאמינגאָ 133
אויף אַ לאָנקע 134
אַזוי פשוט צו פאַרשטיין 135
אין הארבסט 136
א מעשה 138

אָ פּ ק ל אַ נ ג ע ן

דער אויסגעחלומטער טויער 141
א) אמעריקע 143
ב) ״ 144
ג) ״ 145
אַ היינטיקע מלוה־מלכה 147
הייליקע זאכן 149
בין־השמשות 151
מיין ענטפער דעם ווינט 152

ביכער פון זעלבן מחבר:

אין טאָל —
פאַרלאַג „אידיש", ניו יאָרק.

פּאַסן ליכט —
פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג", ניו יאָרק

אין שעה'ן פון ליבשאַפט —
„ווילנער פאַרלאַג", פון ב. קלעצקין.

אַלע טאָג —
פאַרלאַג „ערד און הימל", ניו יאָרק.

לידער —
אסתר שומיאַטשער־הירשביין בוך קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.